צו די יידיש לשונדיקע שרייבער און זשורנאַליסטן, איינגעשלאָסן צו דעם לאָנדאָנער חודש־זשורנאַל, „לשון און לעבן״, נישט אָריענטירנדיק זיך, אפנים, אַז עס האַנדלט זיך אין יידישע, און נישט אין „אינגליש פּיפּערס״.

אזא נבזהדיקע באַציאונג פאַרדריסט ביז גאָר!

יידיש לשון פאַרדינט צו זיצן אויבן־אָן, אויף דער סאַמע מזרח־וואַנט, צווישן די יידישע פּען־מענטשן פון די תפוצות, וואָס וועלן־אפשר־קומען צו דער אסיפה. געדענקט, העברעאישע קאָלעגן, אַז נאָך יידיש־קומט ענגליש, פראַנצויזיש און שפּאַניש — און נישט פאַרקערט. אויב איר וועט פאַר־ניינען דעם דאָזיקן פאַקט, איז באמת אַ שאָד אייער טירחה, מכוח דער שאַפונג פון אַ וועלט־פאַרבאַנד פון יידישע פּען־מענטשן, ווייל מיר וועלן נישט מוותר זיין קיין קמץ פון דעם כבוד און רעכט, וואָס עס פאַרדינט, זיין מאַיעסטעט, יידיש לשון!

## לאָנדאָן קולטור-ידיעות

ביים הערצל און ביאַליק אָוונט איינגע־אָרדנט פון דער קולטורגעזעלשאַפט און פועלי־ציון אין אַדלער־האָל האָבן גערעדט קלינגער, יעזשערסקי, ש. מילער, רעציטער ביאַליקן און געזינגען האָט לעאָן בלומענזאָס. פאָרזיץ א. ריכט־גער.

• • •

אהרון י. ראָלין איז 75 יאָר, מיר ווינטשן אים אריכות ימים און כוחות אָנצוגיין מיט זיין שרייבערישער און געזעלשאַפטלעכער קולטור־אַרבעט.

• • •

דער בונד האָט אויפגענומען ביי אַ גלעזל טיי ווי געסט וואָס ווילן איצט אין לאָנדאָן די חשובע חברים מילמאַן און שראַגער.

• • •

דער שרייבער פעראיין, די אַגענץ און דער יידישער וועלט קאָנגרעס האָט איינגעאָרדנט אַן אַקאַדעמיע צום 100׳סטן געבוירן יאָר פון נחום סאָקאָלאָוו. עס האָבן זיך באַטייליקט: יואל צאַנק, ש. גאָלדשמידט עזרא סאָסנאָ־וויטש א. נ. שטענצל און די טאָכטער פון נחום סאָקאָלאָוו, ד״ר צעלינא סאָקאָלאָוו. פאָרזיץ א. מ. קייזער.

• • •

שלומה קויהען, אויף זיין רייזע פון ישר־אל צוריק קיין קאַנאַדע, ווײלט דאָ אייניקע טעג מיט זיין פרוי.

• • •

זונטיק, דעם 23 אָקטאָבער איז געשטעלט געוואָרן די מצבה פון ס. סערעס. סערעס ע״ה איז געווען אַ לאַנג יאָריק מיטגליד פון ייוואָ־קאָמיטעט און אויך פון פריינט פון יידיש לשון.

פריינט פון יידיש לשון האָט אָפּגעשיקט אַ דעפּעשע צום רוסישן אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן: מיר באַטייליקן זיך אינם טרויער פון די רוסישע יידן צום טויט פון פּאָעט שמואל האַלקין.

• • •

ביי דער אָרט־קאָנפערענץ וואָס איז פאָר־געקומען היינטיקן חודש אין לאָנדאָן האָבן זיך געפונען, צווישן די דעלעגאַטן וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלע לענדער, צווישן אַנדערע אויך די שרייבער יעפּים ישורון דר. משה מערקין, לענעמאַן שראַגער, זילבערבערג, שבתאי, גאָלדמאַן, מילמאַן און אדאָלף העלד א.א.

• • •

ד״ר שעפּלער איז געוואָרן אַ בן שבעים מיר ווינטשן אים אריכות ימים און כוחות אָנצוגיין מיט זיין ציוניסטישע און ישראל אַרבעט.

• • •

ד״ר יעקב מייטליס פירט אָן מיט אַ קורס לעקציעס פאַר יידישער ליטעראַטור ביים „דזשואיש קאָלעדש״ יעדן מאָנטיק אָוונט פון 8 ביז 10 — איינגעאָרדנט פון דער לאָנ־דאָנער אוניווערזיטעט.

• • •

צו די שלושים פון פּאָעט שמואל האַלקין ע״ה האָבן ביי די שבת נאָכמיטאָגס גערעדט יעקב סאָנטאַג און עלעק וואָטערמאַן. פון האַלקינס דיכטונג האָבן פאַרגעליינט נעט רובין און אייזיק גאָלדבערג.

• • •

דער סעמינאַר פון פריינט פון יידיש־לשון איז אונטער פּעטראָנאַט פון ל.ק.ק.

221

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור


נומער 12־11 (העפט 350) איין און צוואַנציקסטער יאָר נאָוו.־דעצ. 1960 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


„רבים ביד מעטים״, צום ערשטן חנוכה ליכטל, זאת חנוכה ..... 1
קאַפּיטל א. פון ספר חשמונאים ..... 10
דאָס דריידל (פּאָעמא) ..... י. י. שוואַרץ 13
אַ קלער שטוב (ליד) ..... שמואל וווהייט 14
איך זאָג קדיש נאָך מיין מאַמע (ליד) ..... ה. פּאַצאַנאָווסקי 15
אויף חרובע וועגן (קאַפּיטל פון ראָמאַן) ..... משה דאָמב 16
צום בוך „ווייטשעפּל״, אַן אַלטער דעמב (ליד און באַלאַדע) ..... א. נ. שטענצל 22
ביכער אויף מיין טיש (רעצענזיע איבער צאַנינס העברעאיש יידישן ווערטער־בוך) ..... ש. י. דאָרפסאָן 25
דובנאָוו׳ס „וועלט געשיכטע פון יידישן פאָלק (קריטישע אפהאנדלונג) י. ריכטיגער 27
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ..... 32



פריינט פון יידיש לשון

גראַנדיעזער חנוכה באַל

(טאַנץ און געשמאַקער צובייסן — לאַטקעס און דריידלעך)

אין דער אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1

שבת, 17־טן דעצעמבער

איינטריט 5 שילינג 6 פּעניס — אָנפאַנג, 7.30



**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאָמענט־פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

# טאלסטאי

צו דער 50׳טער יאָרצייט

עס קלינגט כמעט ווי א סימבאל; די מענטשן, דאס מענטשן־מאטעריאל, פאר וועלכן ער האט געלעבט און געארבעט, איז פארט נישט געווען גענוג רייף פאר זיין גרויסן חלום, פאר זיין גרויסער לערע. שוין זיין נאנטסטע פאמיליע איז נישט געווען גענוג רייף דערצו; שוין זיינע נאנטסטע תלמידים זענען געווען נאר זינדיקע מענטשן. דער זינדיקער מענטש ווערט נישט איבערנאכט הייליק, דער איינגעפליישטער „איך“ פילט זיך נישט איבערנאכט אלס „דו“. אוי, די שרעקלעכע גראמאטיק פון לעבן! די ערשטע פערזאן פארוועקסלט זיך נישט מיט דער צווייטער, און די קעגנווארט איז קיינמאל נישט פארגאנגענהייט און קיינמאל נישט צוקונפט. און דעריבער איז טאלסטאי אינם לעבן ארומגעגאנגען ווי אין א חלום. די ווירקלעכקייט איז אבער ווירקלעך, און זי ווערט נישט מגולגל אין דער שיינקייט פון א חלום. דאס איז די גרויסע טראגעדיע פונם גרויסן טרוימער פון יאסנאיא פאליאנא.

איך מוז אבער רעדן פון נאך א טראגעדיע: די טראגעדיע פונם רוסישן פאלק. עס קלינגט כמעט ווי אן איראניע. עלנט און ארים, ווי עס איז, האט עס געהאט איין זאך, א חפץ אזעלכן, וואס די גאנצע וועלט האט זיין גלייכן נישט — עס האט געהאט א טאלסטאי. ווען עס וואלט זיך מאכן ערגעץ־וואו אן אלוועלטלעכע אויסשטעלונג, און אייראפע און אמעריקע וואלטן שיקן אהין זייערע אוצרות אויף אלע געביטן פון דערפינדונגען און פון דער אינדוסטרי, און רוסלאנד וואלט שטיין מיט די ליידיקע הענט און וואלט אהינשיקן דארט נאר איר טאלסטאי, עטלעכע ספרים פון אים, אלס דאס איינציקע, וואס זי האט צו שיקן — בין איך זיכער, אז זי וואלט נעמען דעם ערשטן פריז. אזא קעגנשטאנד האט נאר איין רוסלאנד ארויסגעבראכט. איז אבער די טראגעדיע אזוי גרויס, אז דווקא מיט דעם דאזיקן טאלסטאי איז מען ברוגז. נישט שלום־געהאכטערהייט איז ער פון דער וועלט געגאנגען. און די גאנצע ציוויליזירטע וועלט שטייט און קוקט און וואונדערט זיך און קען נישט באגרייפן.

אט דאס איז א טראגעדיע פון א פאלק און פון א לאנד.

(פראַגמענט פון דוד פרישמאַנס אַרטיקל געשריבן מיט 50 יאָר צוריק)

## דאס לאנד פוילן

(צו דער 1000־יאָר־פייערונג פון פוילן)

דאס לאנד פוילן הייסט אויפן נאמען פון פרינץ פאלאן, וואס האט פארייניקט און געהערשט איבער די סלאווישע שבטים אין נארד פון די קארפאטישע בערג. „פאלע“ מיינט אויך א פעלד אינם פוילישן לשון.

אין זכרון פון א פוילישן ייד איז מדינה פוילן שטיין געבליבן ווי א גרויס פעלד, וואס שמעקט אין פארנאכט מיט ערשט־געשניטענעם היי און קאניטשינע. פוילן איז דאס גרינע, סאמעטענע לאנד פון דער היימישער לאנקע, אויף וועלכער עס פאשען זיך סטאדעס קי, ציגן און שעפסן. און דאס ליד פונם סלאווישן פאסטוך הערט זיך אין דער ווייטקייט, זיך אהיימקערנדיק מיט דער סטאדע אין דעם טונקל־צופאלנדיקן, פלושענעם אוונט...

**ש. טענענבוים**


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־12 (העפט 350) איין און צוואַנציקסטער יאָר נאָוו.־דעצ. 1960 לאָנדאָן


## „רבים ביד מעטים“

1

דער אינערלעכער דראַנג צו אסימילאַציע פון אַ קליינעם שוואַכן מיעוט וואָס קומט אַריין אין רייכע גרויסע לענדער איז אַ נאַטירלעכער. צי וואָלטן דען נישט פאַרהונגערטע מייז, וואָס כאַפּן זיך אַריין אין ראַטן־לעכער, זיך נישט אויפגעבלאָזן ביז צום פּלאַצן, כאָטש לפנים אויסצוזען ווי די ראַטן, נישט באַמערקט צו ווערן פון די זאַטע „נייטיווס“, פון די מערהייט, די איינוווינער און די באַהערשער פון די לעכער?

ציין־קריצנדיקער צוואַנג, אָבער, מצד די זאַטע מערהייט מצד די פּיר־פיסיקע „גרויסע“, מצד די ראַטן, ווערט שוין אַריינגיין אין גדר פון גריזשענדיקן אינסטינקט, פון חיהש־רציחישן.

מילא, אַז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן דער דראַנג צו אַסימילאַציע ביי די מזרח־אייראָפּעאישע יידן איינגעוואַנדערטע אין די מערב־אייראָפּעאישע מדינות, אָרעמע פאַרהונגערטע עמיגראַנטן, געיאָגט פון נויט און פּאָגראָמען, פריש־אָנגעקומענע, דערשראָקענע, זוכנדיק מיט ציטערדיקע אויגן ברויט־ברעקלעך אראָפּגעפאַלענע פון פרעמדן רייכן טיש — איז עס מענטשלעך־פאַרשטענדלעך.

און אין לויף פון אַ יאָרהונדערט איז עס, בהדרגהדיק, כמעט געלונגען! אָבער עס איז נישט געווען דער שמעלץ־טאָפּ, ווי מאַנכע אַסימילאַציע־טעאָרעטיקער מיינען; ביי אונז איז עס צוגעגאַנגען (און עס גייט נאָך גאָט צו דאַנקן צו...) יידישלעך, כדת וכדין, ווי ביי בשר־כשר: „כמה כמה בטל“. (נאַטירלעך זיינען פאַראַן יחידי־סגולה; „בעריעס“, וואָס ווערן אפילו באלף נישט בטל.)

ביי די ערשטע געקומענע, פרנסה זוכנדיק און בהרחבה געפינען, איז צום נאַטירלעכן דראַנג „אַ לעבן צו מאַכן“, נאָך צוגעקומען די מענטשלעכע דאַנקבאַרקייט.

און אויב פון מייזלעך קענען קיין ראַטן נישט ווערן, אָבער אַמין ווייסע מייזלעך — יאָ! אַזעלכע לאַשטשענדיקע, אויף קליינינקע פיסלעך וואַקלענדיקע, וואָס ציען גורל־קוויטלעך אויף דרייענדיקע קאַטערינקעס.

די צווייטע פאַרטיע, — אָנגעפאָרענע „פאָרענער“ אזוי צוזאָגן! — איז שוין דירעקט אַרויף אויף דער אָנגעדרייטער קאַטערינקע, בפרהסיא, אין מיטן מאַרק — — און אַזוי „כמה כמה“, „קימעה קימעה“ איז פון די אָנגעקומענע־אָפּגעקומענע ארויסגעקומען, ביסלעכווייז און בהדרגהדיק, אַן אויסגעכוימלטע וויים־מייזלדיקע ראַסע, אַזאַ, אין גלאַנציקן ווייסן פעלצל מיט פלינק־לויפנדיקע פאַרבליפנדיקע אייגעלעך — אַ מין מיקראָסקאָפּיש מאָשקע־חזירל! וווּנדער אי־

בער ווונדער, זעט ווי עס מעלה־גירה׳ט מיטן פּיסקעלע, ווי עס דרייט מיטן פּוכלע פּיסעלע, און ווי עס טאַנצט אַ „טשאַטשאַ״־„מה־יפיתל״ צו דער אַנגעדרייטער. קאַטערינקע: „וואָס מיר זיינען מיר, אָבער יידן זיינען מיר״! אַ ריכטיגער גוי וועט שוין אַזוינס אוסמיידן ביזן דריטן דור. (וואָס אונז בלייבט נאָך איבער, איז צו האָפן, אַז ער, דער דור שלישי, אַ געקעכעלטער פון אַזויפיל „עדייקיישן־אפילס״ און „דייטשע גוט־מאַכונגס״, וועט שוין זיין אַ „היברו שפּיקנדיקער״... נישט בחינם האָט גאָט שוין געוואָרנט אויף דעם „דריטן און פירטן דור״ אין די עשרת־הדברות, און משה מתפלל געווען פאַר אים אין די י״ג־מידות: „על שלשים ועל רבעים״...

בכל אופן קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אונזערע „היימישע טאַטעס וואָלטן אין אונזערע „רעלידזשן״ כשרע־און יהודימשע היימען קיין לעפל געקעכץ נישט טועם געווען — און מיט רעכט! און ווען אַ ריכטיקער פראַנצויז, אַן ענגלענדער אַ דענער, בעלגיער — ער מוז נישט ערשט זיין אַן אַנטיסעמיט! — לייענט אונזער געדרוקעכץ אין זיינע גלחיש־לאַטיינישע אותיות, דרייט ער זיכער מיט זיין גויאישער נאָז: „עפּעס אַזוי טוכלע... געפינט זיך דערין נישט אַ מייזן־דרעקל?״

וואָס פון דער אַמעריקאַנישע עמיגראַציע־־אסימילאַציע ס׳וועט ווערן, קאָן נאָך קיינער נישט וויסן. ביי אַן אַקומילאַציע פּראָצעס פון אַזאַ קוואַליטאַטיווע מיליאָנען מאַסע, קיין עין־הרע, קאָן געשען דער נאַטירלעכער בריה־ווונדער פון געבוירן ווערן אַ נייער לעבנס־פעאיקער עמבריאָן — געשעט דאָך דער נס־גדול איצט, אין אונזער צוויי מיליאַניקן ישוב, כן ירבו, אין מדינת־ישראל.

## 2

פון די מאוריש־שפּאַנישע און די אייראָפּעאישע קולטור־פעלקער האָט אונזער מאָדערנע יידישע קולטור עפּעס געלערנט און מיט אַ סך בלוט דערפאַר גוט באַצאָלט, אין משך פון צענדליקער דורות, פונקט ווי אין די אַלט־אָריענטאַלישע העלענישע צייטן, צווישן די אַזיאַטישע־אַפריקאַנישע־גריכישע פעלקער — אונזער אור־קולטור.

דער קולטור־שעפערישער נס פון אַ פאָלק, איז דער ווונדער „רבים ביד מעשים, טמאים ביד טהורים״. עס שטייט אויף אַ מיעוט, קולטור באַוווסט, זיכער אין זיך — אין זיין איך! — און ווי מיט אַ האַק שניידט עס אָפּ די אייגענע טמאים פון זיך, וואָס האָבן זיך פרו ורבו געווען אין זייער אימפּאָטענץ מיט אַ פרעמדן כוח־גברא. מסירת־נפשדיק אויסהאַלטנדיק, מסורה־ריינקייטן באַהאַלטנדיק מיט אַ פאָלקלאָר־דרך־ארץ פאַר די טראַדיציעס פונם תמימותדיקן פאָלק, שאַפט זיך אַ לעבנס־פעאיקע קולטור פון אַ פאָלק אייגנאַרטיק און שעפעריש.

אין דער חשמונאים־עפּאָכע איז געשען דאָס איבערנאַטירלעכע: דאָס קליינסטע שוואַכסטע פאָלק צווישן די אַרומגערינגלט שטאַרקע גרויסע פעלקער, — „דער שעפּסעלע צווישן די וועלף״! האָט געשאַפן „דעם גרעסטן ספר הספרים — דעם תנ״ך! דעם אוצר פון אָריענט די ירושה פאַרן אָקצידענט.



מיר לעבן איצט ווידער אין אַזאַ חבלי־לידה־עפּאָכע, מיר לעבן אַצינד איבער די געפאַרן פון אַ טויזנט יאָריקער זיך שאַפנדיקע קולטור, ווען זי ליגט אויף איר בראָך־שטול: דאָס יידישע אייראָפּע איז חורב ונחרב! דאָס פאָלק אויסגעקוילעט אין די מיליאָנען, די ירושלים׳ס־דפוילן־דליטא צעשטערט, די הרוגי־מלכות אין רוסלאַנד געכפּלט און געטאָפּלט.

אָבער זע, אַ מיעוט האַלט זיך נאָך אין פוילן, אין רומעניע אין אונגאַרן, און אין סאָוויעט־רוסלאַנד, אינם פּנים פונם באַצווינגער מעלדן זיך פרייוויליג אַ האַלבער מיליאָן יידישריידנדיקע. (צוויי מיליאָן פּאָטענציעל מיטקעמפנדיק שטייען הינטער זייערע פּלייצעס — בכל־אופן דאָס יעווסעקישע פון זיך אָפּשאָקלענדיק!) דאָס זיינען נישט עמיגרירט־אַנטלאָפענע, נויט־און־פאַגראַם־דערשראָקענע — זיי זיינען אין ראַטן־לאַנד געבליבענע! אייגן לייב און לעבן צעגריזשענדיקע, אַ מלוכה־פאָרעם אויסקעמפנדיקע — אַזיכערע עקסיסטענץ פאַר אַ נייער אייראָפּעאישע, קולטור. פון־און פאַר אַלע פעלקער, די קליינסטע, „די נידריקסטע און באַליידיקסטע״ — שאַפנדיק און געניסנדיק.

אונזער עטיש־עסטעטישע מאָדערנע קולטור זיך אויספאָרמענדיק אין די פוילישע וועלדער, אין די אוקריינישע סטעפּעס, צווישן די קאַרפּאַטן בערג, אַנהויבנדיק מיט חסידישן הומאַניזם זיך אויסלאָזנדיק מיטן רעוואָלוציאָנערן יידישן ליד, איז געגאַנגען פּאַראַלעל, יידישלעך פּאַרטיפּט, מיטן גייסטיקן און סאָציאַלן באַפרייאונג קאַמף פון די סלאַווישע פעלקער.

נישט ווייניקער לייב און לעבן און בלוט צושטייער געגעבן אינם קאַמף. און ערשט די זיכענישן צו רעאַליזירן די נביאים־חזיונות — —

מיר האָבן זי האַראָפּאַשנע ערלעך אויסגעטראָגן אונזער קולטור און דער נס וועט געשען, דאָס בלוט וועט נישט רוען. וואָס מער אַ מסורה, אַ טראַדיציע ווערט מיטן דם־התמצית פונם פאָלק אָנגעזאָפּט אַלץ לעבנס פעאיקער ווערט זי און איר עקסיסטענץ אַלץ זיכערער — זי ווערט פול־בלוטיק אַלע, מכשולים איבערצוקומען.

מיר האָבן אַן איינגעבוירן גערעכטיקייט־געפיל, און מיר נעמען אויף יעדן קאַמף — געוואָגט און אפילו אוואַנטיריסטיש — מיט יעדער מין שלעכטיקייט און אומרעכט.

און אויב פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור מיינט דאָס זעלבע וואָס צעזאַרן טיראַניי, האָבן מיר שוין די דערפאַרונג, נישט נאָר נישט צעשטערט צו ווערן פון די אייגענע טמאים, נאָר אויך נישט פונם מלכות זדון — „וזדים ביד עוסקי תורתך״.

## 3

די יידישע תורה איז „וחי בהם״! דעם פונק פון געטלעכער גענאָד אין זיך אַרויס צוגעפינען אין פינסטערן געראַנגל פון אין רחמים בדין. אַ נעץ פון געזעצן אויסצושפּינען, אַז אין ים פון לעבן ווו איינס פרעסט דאָס אַנדערע, רוען דערין ווי אין „מוטער־וואַסער״ — אַ צעצאַפּלט האַרץ צו גאָט.

נאָר אין דער הייליקסטער שעה פונם יום־הקדוש־טאָג, בלויז אויפן הייליקסטן אָרט, אינם קדשי־קדשים אונטערן פּרוכת, בשעת טוענדיק די העכסטע

עבודה־צערעמאָניאַל, רויכערנדיק דעם לבונה־קטורת, שטעלט־זיך־איין דער כּהן־גדול אויסצורופן דעם שם־המפורש — — — אָבער נישט אַלע מאָל „איז ער אַריינגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען בשלום״...

ביים דערגרייכן אָבער דאָס גאָט־געזעץ איז „יכול כל אדם להיות כמשה״, קאָן יעדער מענטש, צו יעדער רגע, אויף יעדן אָרט אַזוי גרויס זיין ווי משה.

אין דער הויה פון טבע און תאווה אַן אַבסטראַקט פון מידות־הרחמים, וואָס אַן דעם מוזן צומאָל די ערשטע געזעצן צעבראָכן ווערן; נישט ווייניקער צעריבן און צעמאָלן, ווי דער עגל־געץ, וואָס דער ערשטער כּהן־גדול האָט געמאַכט. מיט די געטלעכע מידות האָט דער בשר־ודם, כּביכול אַ מעגלעכקייט זיך מדמה צו זיין צום „אין לו דמות הגוף״: „ווי ער איז דערבאַרעמדיק אַזוי דו, ווי ער איז גענאָד אַזוי דו״.

און ביז צום היינטיקן טאָג, ווי דעמלט גאָט, כּביכול, פאַרן געבן די צווייטע לוחות, זינגט דאָס פאָלק די „י״ג־מידות״ יעדעס מאָל ביים „אויסנעמען״ — עס איז אַ דור־דורותדיק וויסן, וואָס איז געוואָרן פאַרמענטשלעכטער אינסטינקט. דער מינדסטער ייד דערשמעקט נאָך, ווי אַ געהעצטע חיה אין לויף, דעם „ריח פון גאָט״.

יחוד השם און יחוד האנושי איז דער יידישער וועג וואָס פירט צו אדם למקום און אדם לחברו — דאָס איז „כּל התורה כולה״ וואָס אַ ייד טרעט אויס מיט זיינע בײדע פיס: דעם מלכות־שמים אַראָפּצוברענגען אויף דער מענטשלעכער ערד. געטלעכקייט מיינט נישט פרום־פאַרגלאָצט, ווי עס מיינט נישט פיזישער געץ — עס מיינט פאַרלייבהאַפטיקן די אַבסטראַקטע מידות!

און עס ציט זיך דער שליאַד פון אונזער קוואַר־שריט דורך אַלע קולטור־עפּאָכעס, און ווי אַ בלוטיקע פאָן טראָגן מיר אונזער פלאַטערנדיקן נפש דורכן גאָט־דואַליזם פון די פּערסער, איבערן געטער־אָלימפּ פון די גריכן, און דער קרייץ־וועג אונזער שניידט זיך דורכן גאָטלאָזן רוים.

„מלכות רומא הרישעא״, איז דער געץ־טיראַן פון האַרץ־פאַרגליווערטן געזעץ: „אַלע מעגן אונטערגיין, נאָר דאָס געזעץ מוז אַדורכגעפירט ווערן״ — אַ ייד שטאַרבט מיטן שמע ישראל אויף די ליפּן, איידער צו טראָגן דעם קינצייכן אויפן שטערן.

און שוין מיר האָבן געמיינט: צווילינג־ברידער־וועגן טיילן זיך אָפּ פון אונזער לייב און אין דער פינסטערניש וועלן זיי פירן צו גאָט און צו לייט... איז וואָס געוואָרן פונם איסלאַם? די אַראַבער לעבן ווייטער אויף זייער מסורה „על חרבך תחיה״, און דאָס קריסטלעכע אייראָפּע — אַ צווייבאַקיגער געץ צו שאָקלען פאַר אים דעם ווייַרויך־קעסל. וואָס איז די אָקאָנע און דער מאַריען־קולט אויב נישט ווייטער פירן דעם אָלימפּישן געטער־קולט?

דער שאַקאַל לויפט אין מדבר אַריין, זיך פינסטער צו פאַרקריכן מיט זיין תאווה־יללה, דער וואָלף צוריק אין וואַלד אַריין — אַ „וואַלד״ מיט צלמים! און דאָס שעפעלע, פאַשעט זיך אויף דער הימלישער לאָנקע, דאָ אַ גרעזל דאָרט אַ גרעזל — גאָלע נסים.



אונזער ערשטער נביא שמואל האָט שוין אַלץ קינד געזען, ווי די כּהנים פרעסן דאָס פלייש פון די טעפּ אַרויס און ער איז אויך געווען דער ערשטער וואָס האָט געוואָרנט פאַרן טיראַן, דעם קעניג.

און ביים ערשטן בית המקדש האָבן מיר געליטן שיף־ברוך מיט אונזער מלכים און ביים צווייטן — דורך אונזער כּוהנים.

וואָרים יעדע מאַכט ווערט באַזיגט דורך אַ ברוטאַלערע פון איר, און יעדע פּרימיטיווע צערעמאָניע אַבערגלויביש צעלעבערירט און נאָך שענער „געמאַכט״.

מלכות איז מאַיעסטעטיש באַהערשן די נאַטור־מאַכט מיטן כּוח פון באַהערשטן שקלאַוו. און דער כּתר כּהונה־ריטוס גלאַנצט מיט ריטם פון בלינדן איבערגלויבן, און דאָס פאָלק גלאָצט אַבערגלויביש.

די קרוין פון דער יידישער תורה איז דער עטישער מענטש „כּמעט ווי אַ גאָט איז ער גלייך״.

די יידישע טראַדיציע איז נישט מלכות, איז נישט כּהונה „משה האָט מוסר געווען צו יהושע, יהושע צו די זקנים, די זקנים צו די נבאים, און די נביאים צו די אנשי כּנסת הגדולה״ „למען דעת״! און אַזוי דורכן רמב״ם, איבער שפּינאָזאַ אַ גריבלען זיך אין גאָט און נאַטור, ביז צו אונזער מזרח־אייראָפּעאישע גדולים: דער מהר״ל, דער רמ״א, דער גר״א און דער בעש״ט, ביז צו די פאָלקס מגידים דובנא, מאַזעריטש, קאָזשעניץ, וווּ דער „יש־מאין״ אפילו ווערט פערוואַנדלט אין אַ ביטול היש — אַ גוטסקייט פון און צום מינדסטן נפש.

ביז אונזער פאָלקסטימלעך־און וועלטלעך־יידישקייט ווו דער מינדסטער „שמע־ישראל״ האָט „אַ יידיש האַרץ״! אין וואַרשטאַט, אויף דער „בערזשע״ אַרויס איז עס אַרויס־געטראָגן געוואָרן דאס סיני־געזעץ מיט פיזישער האַמעטנעקייט. מיטן קאָפּ דורך דער וואַנט געזעצט, און עס אַריינגעטראָגן אין דער אָרעמסטער שטוב — נישטאָ פאַרן פאָלק קיין מיסטיש פאַהוילענע געהיימנישן, קיין סאָציאַלע און קיין פילאָזאָפיש־חקירישע סודות. מיט די „פּראָקלאַמאַציעס״ זיך איבערגעבענדיק סוד־סודותדיק און מסורת־נפשדיק האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט (אין אונזערע מזרח־אויראָפּעאישע שטעט און שטעטלעך איז עס געווען אַ רעאַל וואָרט, פיזיש־חושימדיק) פּראַקלאַמירט בקולות וברקים אונזער מאַדענע ליריש־עפּישע ליטעראַטור.

כּדי צו באַקעמפן די חכמים פון אתונא און מסתם נאָך מער דעם יידישן פּלאַטאָניסט מיט דער „לאָגאָס״־מאַכענאַציע האָבן די חכמי התלמוד זיך שוין געמוזט באַנוצן מיט די י״ג מידות פון לאָגיק — און זע ווי ס׳איז מידה כּנגד מידה! און דער רמב״ם ווי קאָקעטירט ער, מיט זיין שבת־גוי, אריסטאָטעלעס! אָ, מיר האָבן שוין גאַנץ שמאָל געהאַלטן און אונזער אַראַבישע־אַסימילאַציע, ווען מיר וואָלטן נישט צוריק אַריין דעמלט אין אונזער „פּאָר־וואַסער״, נאָך טיפער זיך גענומען טובלען אינם ים־התלמוד מיט די חריפישע חכמי־פּראָוואַנס און לאָטרינגען, מיט רש״י הקדוש, בעלי התוספות און גענומען טרעטן אויף דער אייראָפּעאישע ערד מיטן קלאָרן בעל־קבלה־מיסטי־

קער — רבי יהודי החסיד, מיטן אייראָפּעאישן רבינו גרשום.

און אַזוי ביזן לעצטן קאָצקער נאָך וואָס פלעג זאָגן: „דער חילוק פון אמתער אמונה און ערלעכער אפיקורסות האַנדלט זיך אין אַ האָר“... און טאַקע אָט די האָר האָבן אונזערע שרייבער, — די פּראָגרעסיווסטע נאָך! — אַריינגעלייגט אין ספר אַריין, זי אָפּצוהיטן. מיר שפּאַלטן נישט מער קיין האָר, חריפיש־פּילפּולדיק מיר האָבן צוריק־ באַקומען — מיט אונזער ערלעכער האָראָפּאַשנער ארבעט אין אונזערע תמימותדיקע שטעטלעך, אונזער ברייטער עפּיק און טיפער ליריק — די יידישלעכע סינטעזע צווישן עטיק און עסטעטיק! — צו קענען בלייבן מיט אונזער געירשטער, איינגעבוירענער אייגנאַרטיקייט אונטער אַלע מענטשלעכע אומשטענדן און קלימאַטישע קאָמפּליצירטקייטן אַ פּעסטע פאָרעם פון גייסטיקער אַבסטראַקטקייט.

וואָהין האָבן געפירט פּלאַטאָס און אַריסטאָטעלס אידעאַלע און אַריסטאָקראַטישע פילאָזאָפיעס? צו אַ „שקלאַפן שטאַט“ און פערשקלאַפונג פון פעלקער. וואָהין די „דיכטער און דענקער ביז העגל און ניטשע? צו א „הערן־פאָלק“ פון גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. ווי ס׳איז נישט געלונגען אונזערע אָפענע שונאים וועט עס אויך נישט געלינגען די באַהאַלטענע און אויך נישט די אייגענע, צווישן אונז באַהאַלטן. נאָך שטייען מיר אין דער גאַנצער וועלט אונזער נפש פלאַטער נאָך אַקייגן אַלע ווילדע ווינדן — אַ געסדרטע מסורה־גערעכטיקייט, וואָס איז שוין לייבהאַפטיק און חושימדיק, דער נאַטירלעכער געראַנגל פון די „עסקי תורתך“ מיט יעדן מלכות־הזדון.

* * *

די דיסקוסיע צווישן די „סורווייוול“־ישראלים און אַסימילאַציע יהודים „ווער איז אַ ייד?“ איז ריכטיק געשטעלט געוואָרן, בנוגע אונזער ברייזעלע־מייזעלע עקסיסטענץ פון יחידים, צי אפילו ווי אַ פאָלק, אין ליכט אָבער פון אונזער גייסטלעכקייט און גייסטיקייט, אין געראַנגל פון קאָנטינענטן און עפּאָכעס, קאָן די פראַגע נאָר געשטעלט ווערן אין נעגאַטיוו, ווי ביים אויסגאַנג פון סכאָלאַסטישן צייט־אַלטער, פון אונזערע חוקרים בנוגע דעם גאָט פּראָבלעם.

אין אונזער עפּאָכע פון עקזאַקטן וויסן ווי אַלץ איז שוין אַזוי קלאָר (און חוץ נאַטירלעך פאַר די וואָס ווילן נישט וויסן!...) מוז די פראַגע שוין געשטעלט ווערן: „ווער איז נישט קיין ייד“?

וואָרים עס גייט איצט נישט צי אַן עסער פון בשר־קוויטש איז אויך בגדר ייד — עס גייט אַצינד שוין אינם בן־אדם, צו זאל ער געשאַכטן ווערן ווי אַ חזיר אויפן מזבח.

יאָ, אין ישראל איז יעדער אַ ייד פון דוד בן גוריון ביז עמרם בלוי, אין גלות — פון סאַטמאַרער רבין ביז קאַגאַנאָוויטשן. (נאַטירלעך ביז זיי לייקענען עס אָפּ אַז זיי זיינען עס!...) אָבער אין דער גאָרער וועלט איז עס אויך שוין יעדער באַוווסטער מענטש־פּאָטענציעל! וואָרים אין דעם עטיש־עסטעטישן כאַאָס פון אונזער „וויסן איז מאַכט“־דור איז זיך יעדער שוין כמעט באַוווסט, אַז אָן יחוד השם אָן יחוד האנושי מוז די וועלט זיך אומקערן צו תוהו ובוהו; אין



קאָמפּליצירטן תאווה־און טבע־געראַנגל פון אונזער וואַסער־אַטאָם־עפּאָכע, ווי „די ערד איז שוין פול מיט וויסן, ווי די ימים מיט וואַסערן באַדעקט“, איז דאָס מסתם שוין דער איינציקער עטישער פאָרמול די מענטשלעכע אַטאָמיזירונג נאָך צוזאַמענצוהאַלטן.

## צום ערשטן חנוכה-ליכטל

ווען טאַטע „מעוז־צור“ זינגענדיק,
אַרויף און אַראָפּ אין שטוב אַרומגעגאַנגען,
ווי דאָס חנוכה־דריידל אויפן טיש,
איז די גאַנצע וועלט „שמונה־עשרה“ געשטאַנען.

„רבים ביד מעטים, טמאים ביד טהורים“,
ווי ליכטיק זיינע אויגן האָבן געלויכטן!
די שאָטנס ביז דער סטעליע מיטגעטאַנצט,
אין אַ דבקות, שטיל זינגנדיקן, פאַרמוחטן.

אויף מיין טונקעלער וואַנט קוים ס׳וואַקלט שוין,
בלחש נאָך שאָקלט זיך יעדער קנייטש און דריידל;
דורך דער שויב קוקט אַריין פאַרשנייטע וועלט,
של־ראש אַריינגעלייגט שוין אין זילבער־שיידל —

אַראָפּגעפאַלן פון אַלע הויכן
טאַטנס ליכטיק־פאַרמוחטע דבקות־געדאַנקן!
בלויז, אַז בלחש שאָטנס שאָקלען זיך נאָך,
אפנים אַ לעצט ליכטל האַלט נאָך אין צאַנקן.

## „מי כמוך באלים אדוני“ (סאָנעט)

צעטרעטן אונטער אייגענע פיס אין שטויב,
אין אַש פון די זעקס מיליאָן קדושים איך ליג;
אין ממעמקים־צאַפּל אויף אַ לעצטער שטיג,
הענט געלייטערטע צו דיר אַרויף איך הויב.

האָסט אונז אויסגעוויילט! למנצח׳ט אַ לויב:
איידער אַ רוצח — אַ מנצח אין זיג, —
אַ סך בעסער שוין דיין שעיר־לעזאזל־ציג
אין טויט־אַריין ווילד־געצילטער בליק: איך גלויב!

אויב שווער־וואָגיקע ווערטער ווער נאָך־געברויכן,
געוויין ווען צעוויגט ווערט: „אל מלא רחמים שוכן — —“
איך ליג אַ הונט אין בלוטיקן געוואַי —

הייליקער אָפּשיין אין מולד־בלוט אָפּגעגאַנגען,
קייט־רינגען סאַרפעדיק קלינגען שריפה־קלאַנגען:
„מי כמוך באלים אדני — — —“

## נאָך פיר סאָנעטן

1

אַז פאַרלאָשן שטיקעלע הימל איבער קאָפ,
ווי גרויס, רחבותדיק ברייט אונטער דיר די ערד,
מיט אַלע אירע אוצרות, וואָס פאַר אַ ווערט?
וואָס טיפער תהום, אַלץ פינסטערער דער אַראָפ!

פון ים דער פאַרלוירנסטער, ווייט-פאַרשפּריצטער טראָפ,
אַ שטערן צו ווערן ס׳קאָן זיין אים באַשערט,
ווי דאָס מינדסטע זאַמדל קערנדל גאָלד ווערט,
פון הימל אַראָפ זון שפיגלט זיך אין אים אָפ.

בלויז וואָס איז דער הימל אין זיין גאַנצער גרויס,
נעמט מען דיר דעם גאָט-חלום פון אים אַרויס?
דו ווערסט דעמלט אַ זעמדל אין שטורעם-ווינט!

קיין ברעג מער פאַר דער אָנאויפהער ברויזיקער טרער!
בלויז, שפיגלט זיך גאָט אין מיין האַרץ אָפ, און איך ווער
אין דער פינסטערסטער נאַכט אַ פאַרחלומט קינד.

2

איז עס ווייל מען האָט מיך איינגעוויגט דערמיט,
מיין מאַמע, מיין יידישע, מן-הסתם?
און ווער איינגעוויגט דעם שטורמישן ים?
דעם בעז-בוים אין פרילינג ווען ער שטייט אין צוויט?

און אַצינד געוויין-וויאַנענדיק וויגן-ליד?
נישט האַלב-נאַקעט שטייט אַ דעמבענער בוים, —
ס׳איז זי, וווקסיקע מאַרושיא, מיין אם,
„סמוטנאַ מי, מאַי באַזשע״, וויגט זי זיך און קניט.

צומאָל געטלעך איינגעלוליעט בלויז ווי גוט,
און אַז נאָר אַ חלום בלויז, ווי ווויל ער טוט,
דאָס לעבן ווי פינסטער צעוואַקסן, ווי מאוס.

ס׳קאָן דער ערגסטער נישט פאַרגעסן זיין גאָט-טרוים,
ווי דער דערוואָקסענער פאַרגעסן קאָן קוים,
זיין וויגנ-ליד אַזוי איינשטילנדיק זיס.

3

וואָס מער מיר ווערן דערפינדן און ענטדעקן,
געוואָלטיקער בלויז די וואונדער ווערן זיין;
דער יסורים-וועג פון די וואונדן און פיין
ווייטער בלויז און לענגער, גרויס זיך אויס צו שטרעקן.



צי ווייסן מיר דען די צילן און די צוועקן,
און דעם פאַרוואָס ווער משיג זיין און פאַרשטיין?
אַ לעבן-לאַנג דעם טויט אַקייגן מיר גיין,
וואָס שטילער די שריט אַלץ רוישיקער זיי שרעקן.

איבער מיין קאָפ דאָס רוישן פון די ביימער,
און אין האַרץ אַלץ שווידערדיקער געהיימער —
ווידווידיק ס׳וויגט ווער ווו, ווי וויאַנענדיק ווינען.

עס מישט זיך אַ בוך מיט בלעטער פאַרגעלטע,
דאָ און דאָרט לעזן מאַנכע אויסדערוועלטע,
ביז צום לעצטן בלאַט ס׳וועט קיינער נישט דערליינען.

4

דעמלט ווען זי איז נאָך יונג געווען, אַ קינד געווען,
הויה אַליין אויף ווינד-וויכערס געוויגט די וועלט;
שבעה-ימים-וועל זי געצוואָגן זוניק-צעהעלט,
אין די נעכט ביים לבנה-וויגל מ׳האָט גאָט געזען —

נאָך אויף רחבות-ווייטע ממרא-פליינען ס׳איז געשען!
האָט מען בבל-טורעמס, פיראַמידן אויפגעשטעלט,
דעם וועג צו אים מיט ספינקסן און מיט צלמים פאַרשטעלט,
און איצט צו לעצט געראַנגל מיט ראַקעטס כאָטש געגען.

צווישן חלום און וואָר וואַקלט שווער דאָס לעבן!
נאָך גוט וואָס וויגנדיק וואַכט גאָט ווו דערנעבן — — — —
עס זעט אים בלויז דער, ווער אַ קינד-פאַרטרוימט האַרץ נאָך האָט.

און מיר — אַלע שטרויכלונגען איבערצווווינדן,
איבער אַלע שבעה-ימים-וויכער-ווינדן,
ברענענדיק אויף שייטער-לייטער — קלעטערן צו גאָט.

## „ואהבת לרעך כמוך״

ווען נישט שרעק פאַר אייגענע חולאתן, ווען נישט טויט,
אייגענעם ברודער געלאָזן פאַרקומען אין נויט,
נישט גאַנץ פאַרלאָזט צו בלייבן אַ צווייטן מיר ליבן;
און אָן שנאת-חינם, חלילה, פון גוי צום ייד,
ווי פון אַ לונג-טובערקולאָזע, וואָס גייט ראַפּיד,
ס׳וואָלט קיין שריד ופליט פון אונז נישט געבליבן.

און וואָלט דען דער מענטש געהאַט תפילה צו טון צו וועם,
צומאָל אַ גאָט איבער דער וועלט צי וואָלט דען געווען,
ווען נישט מיר געיאָגט, געפלאָגט און אַרומגעטריבן?

אפנים, צו ווייניק די ברכה „ווי זאַמד ביים ברעג“,
צעפלאַשעט צו ווערן ווו די וועלט נאָר האָט אַן עק,
אויף אַש־שטויב מיר האָבן געמוזט ווערן צעריבן.

עס גענוגט נישט פון שטערן, אַנצאַליקע, דער שיין,
אין אייגענע פלאַקער־פייערן מען מוז אויפגיין,
דעם „ואהבת לרעך“, וואָס אויפגעשריבן,
אליין אים צו קענען ליינען און ריכטיק פאַרשטיין.
דער טויט וועט דעמלט אויפהערן ווען דאָס־אָ וועט זיין,
און מיר פון אַלע עקן־וועלט צונויפגעקליבן.

די אַכט לידער פאַר מיין שוועסטער, צימעלע,
וואס וואָלט „זאות־חנוכה“ אַלט געוואָרן 65 יאָר.

## „זאת חנוכה“ 1960

קוק איך אויף די חנוכה־ליכטלעך, די אכט,
אין מיר אויפציטער פון צער און פרייד מיטאַמאָל;
זיי דערמאָנען מיך די זעקס מיליאָן קדושים,
און די צוויי מיליאָן יידן אַצינד אין ישראל —

אַז תמיד מוז זיין דאָס ביסעלע נחת
מיט אַזויפיל יגון־ואנחה פאַרמישט;
און אַז אויפפלאַמען ס'זאָל אַ ליכטל פרייד,
לעצטע צער־טרער פון אויג מוז ווערן אויסגעווישט...

## ספר חשמונאים א׳

### א׳

און עס איז געווען נאך דעם ווי אלקסנדר מוקדון, דער זון פון פיליפוס, וועלכער איז ארויסגעקומען פון לאנד כתים, האט געשלאגן דריושן דעם מלך פון פרס ומדי איז ער געוואָרן קעניג אויף זיין ארט, צוערשט אבער איבער גריכנלאנד. און ער האט געפירט אסך מלחמות, און איינגענומען פעסטונגען, און אויסגעהרגעט מלכים, און אדורכגעגאנגען ביז צו די עקן פון דער ערד, און גענומען זאקרויב ביי פיל פעלקער, און די ערד האט זיך אונטערטעניקט פאר אים. און ער איז געווארן דערהייכט, און זיין הארץ האט זיך דערהויבן, און ער האט איינגעזאמלט א געוואלדיק שטארק חייל, און געהערשט איבער לענדער און פעלקער און פירשטן, און זיי האבן אים געצאלט מס. און דערנאך איז ער געפאלן צו בעט, און האט איינגעזעען, אז ער גייט שטארבן. און ער האט גערופן זיינע געאכפערטע קנעכט, וועלכע זענען דערצויגן געווארן מיט אים פון יונגווייז אן, און האט איינגעטיילט זיין מלכות צווישן זיי נאך ביי זיין לעבן. און אלקסנדר האט געקעניגט צוועלף יאר, און איז געשטארבן. און זיינע קנעכט האבן גענומען הערשן, איטלעכער אויף זיין ארט. און אלע האבן זיך אנגעטון קרוינען נאך זיין טויט, און זייערע זין נאך זיי במשך פון אסך יארן, און האבן געמערט בייז אויף דער ערד.



TOWER HAMLETS LIBRARIES

און עס איז ארויסגעגאנגען פון זיי א זינדיקער שורש — אנטיוכס עפיפאנעס, דער זון פון אנטיוכס המלך, וועלכער איז געווען א לעבעדיקער משכון אין רויס; און איז געווארן קעניג אין הונדערט און זיבן און דרייסיקסטן יאר פונם גריכישן קעניגרייך.

אין יענע טעג זענען ארויסגעקומען פון ישראל מענטשן, וואס האבן עובר געווען אויף דער תורה און האבן איבערגערעדט אסך לייט, אזוי צו זאגן, קומט לאמיר מאכן א בונד מיט די גוים ארום אונז, ווייל זינט מיר האבן זיך אפגעשיידט פון זיי איז אונז באפאלן פיל בייז. און דאס ווארט איז געווען גוט אין זייערע אויגן. און געוויסע לייט פון פאלק זענען געווען זער וויליק און זענען געגאנגען צום קעניג, און ער האט זיי געגעבן רשות צו טון לויט די מנהגים פון די פעלקער. און זיי האבן אויפגעבויט א גימנאזיום (א שפיל־פלאץ) אין ירושלים לויט די גוישע זיטן; און האבן זיך צוריק־געמאכט די מילות צו ערלות, און פארלאזט דעם הייליקן בונד, און זיך אנגעשלאסן אין דעם יאך פון די גוים, און זיך פארקויפט צו טון שלעכטס.

און ווען דאס מלכות איז געווען געגרונטפעסטיקט פאר אנטיוכסן, האט ער אונטערגענומען צו קעניגן איבער מצרים, כדי צו געוועלטיקן איבערביידע קעניגרייכן. און ער איז אריין קיין מצרים מיט א שווערער מחנה, מיט רייטוועגן און העלפאנטן, מיט רייטער און א גרויס חייל; און געפירט מלחמה מיט תלמי דעם קעניג פון מצרים; און תלמי האט געליטן א מפלה פאר אים און איז אנטלאפן; און אסך זענען געפאלן שטערבלעך פארוואונדעט. און זיי האבן איינגענומען די פעסטע שטעט אין לאנד מצרים; און ער האט גענומען דאס זאקרויב פון מצרים.

און אנטיוכס האט זיך אומגעקערט, נאכן שלאגן מצרים, אין דעם הונדערט און דריי און פערציקסטן יאר, און איז ארויפגעגאנגען קעגן ישראל און ירושלים מיט א שווער חייל. און איז אריינגעגאנגען מיט עזות אין בית־המקדש אריין, און גענומען דעם גאלדענעם מזבח, און די מנורה מיט אלע אירע כלים, און דעם שולחן פון לחם־הפנים, און די בעקנס, און די בעכערס, און די גאלדענע פייערפאנען, און דאס פרוכת, און די קרוינען, און די גאלדענע צירונג פארן היכל, און האט אוועקגענומען דאס גאנצע (גאלד). און ער האט גענומען דאס זילבער און דאס גאלד און די טייערע כלים; און ער האט גענומען די פארבארגענע אוצרות, וועלכע ער האט געפונען. און האבנדיק אלץ צוגענומען, איז ער אוועק אין זיין אייגן לאנד אריין, און געמאכט א גרויסע שחיטה, און גערעדט מיט א געוואלדיקער גאווה. און עס איז געווען א גרויסער טרויער אויף ישראל אומעטום, אין אלע זייערע ערטער; און די שרים און זקנים האבן געיאמערט, בתולות און בחורים האבן געזיפצט, און די שיינקייט פון די פרויען איז פארענדערט געווארן. יעדער חתן האט געקלאגט, און די (כלה) אין כלה־שטיבל האט געטרויערט. און דאס לאנד האט געציטערט קעגן זיינע איינוואוינער, און דאס גאנצע הויז פון יעקב איז געווען אנגעטון אין שאנד.

נאך צוויי פולע יאר האט דער קעניג געשיקט א שר א שטייער־אויפמאנער

אין די שטעט אריין פון יהודה, און ער איז געקומען קיין ירושלים מיט א שווערער מחנה. און ער האט גערעדט צו זיי שלומדיקע רייד מיט כיטרעקייט, און זיי האבן אים געגלויבט. און פלוצלונג איז ער באפאלן די שטאט, און איר דערלאנגט א ביטערן קלאפ, און אומגעברענגט פיל פאלק פון ישראל. און ער האט גענומען דאס זאקרויב פון דער שטאט, און זי פארברענט אין פייער, און צעשטערט אירע בנינים און מויערן ארום און ארום. און זיי האבן געפאנגען גענומען די פרויען און קינדער, און זיך איינגעטיילט די בהמות. און זיי האבן געבויט א גרויסע און שטארקע מויער ארום דער שטאט פון דוד מיט פעסטע טורעמס, און זי איז פאר זיי געווארן א פעסטונג. און האבן דרינען אריינגעזעצט א זינדיק פאלק, מענטשן וואס האבן עובר געווען אויף דער תורה, און האבן זיך באפעסטיקט אין איר. אויך האבן זיי אנגעלייגט וואפנס און שפייז, און צונויפנעמענדיק דאס זאקרויב פון ירושלים, האבן זיי עס דארט אוועקגעלייגט, און עס איז געווארן א וויסטע פאסטקע. און עס איז געווארן אן ארט, פונוואנען צו לויערן אויפן בית־המקדש, און א בייזער שטן קעגן ישראל די גאנצע צייט. און זיי האבן פארגאסן אומשולדיק בלוט ארום דעם בית־המקדש, און פאראומרייניקט דאס בית־המקדש. און די איינוואוינער פון ירושלים זענען אנטלאפן צוליב זיי; און זי איז געווארן א וואוינונג פאר פרעמדע, און פרעמד געווארן צו די וואס זענען געבוירן געווארן אין איר, און אירע קינדער האבן זי פארלאזט. איר בית־המקדש איז געווארן וויסט ווי א מדבר, אירע ימים־טובים זענען פארקערט געווארן צו טרויער, די שבתים אירע — צו חרפה, איר כבוד — צו בזיון. ווי איר כבוד איז געווען, אזוי האט זיך איר אומכבוד געמערט, און איר דערהויבנקייט האט זיך פארקערט צו אבלות.

און דער קעניג אנטיוכס האט געשריבן צום גאנצן מלכות זיינעם, אז אלע זאלן זיין איין פאלק, און אז יעדער איינער זאל פארלאזן זיינע געזעצן. און אלע פעלקער האבן מיט ליבשאפט צוגעשטימט צום קעניגס ווארט; אויך אסך פון ישראל איז וואוילגעפעלן זיין (געצנ)־דינסט, און האבן מקריב געווען צו די אפגעטער, און פארשוועכט דעם שבת. און דער קעניג האט געשיקט בריוו דורך דער האנט פון שליחים קיין ירושלים און די שטעט פון יהודה, אז זיי זאלן פאלגן די געזעצן פון די נכרים פון לאנד, אז מען זאל מער נישט ברענגען קיין קרבן־עולה און מנחה און נסך אין בית־המקדש; אז שבתים און ימים־טובים זאלן זיין פארשוועכט און דאס בית־המקדש מיט די הייליקע (כהנים) זאלן פאראומרייניקט ווערן; אז מען זאל אויפשטעלן במות און טעמפלען מיט אפגעטער, און מקריב זיין חזירים און טמא בהמות. מען זאל איבערלאזן די קינדער נישט־געמלט, און זיך פאראומווירדיקן די נשמות מיט יעדער אומריינער און פארשוועכטער זאך, כדי מע זאל פארגעסן די תורה און ענדערן די געבאטן. און דער וואס וועט נישט טון לויט דעם קעניגס ווארט, זאל געטייט ווערן. לויט אט די דאזיקע ווערטער האט ער געשריבן צום מלכות זיינעם, און באשטימט אויפזעערס איבערן גאנצן פאלק, און באפוילן די שטעט פון יהודה מקריב צו זיין, איין שטאט נאך דער אנדערער. און עס האבן זיך פארזאמלט צו זיי



אסך פון דעם פאלק, יעדער איינער וואס האט פארלאזט די תורה; און זיי האבן געטון בייז אין לאנד; און געמאכט, אז (דאס פאלק) ישראל זאל זיך פארבארגן וואו מען האט נאר געפונען א מקום־מקלט.

און אין פיפצענטן טאג פון כסלו, אין הונדערט און פינף און פערציקסטן יאר האבן זיי אויפגעבויט א וויסטע אומווירדיקייט אויפן מזבח, און אין די שטעט פון יהודה ארום האבן זיי אויפגעבויט במות. און ביי ד טירן פון די הייזער און אויף די גאסן האבן זיי גערייכערט קטורת. און די ספרי־תורה, וואס זיי האבן געפונען, האבן זיי צעריסן און פארברענט אין פייער. און וואו עס האט זיך ביי עמיצן געפונען א ספר פונם בונד, און אויב עס האט זיך ווער אנערקענט צו דער תורה, האט דעם קעניגס דעקרעט אים איבערגעענטפערט צום טויט. מיט גאנצן כח זייערן האבן זיי אט אזוי געטון צו ישראל פון חודש צו חודש צו די, וואס האבן זיך געפונען אין די שטעט. און אין דעם פינף און צוואנציקסטן טאג פון חודש האבן זיי מקריב געווען אויף דער במה, וואס האט זיך געפונען אויפן מזבח. און די פרויען, וועלכע האבן מל געווען זייערע קינדער, האבן זיי געטייט לויט דעם באפעל. און זיי האבן אויפגעהאנגען די עופהלעך ביי די העלזלעך, און חרוב געמאכט זייערע הייזער, און אומגעברענגט די מוהלים. און אסך אין ישראל האבן ביי זיך פעסט באשלאסן נישט צו עסן קיין טמא זאך. און האבן אויסגעקליבן ליבער צו שטארבן, כדי זיך נישט צו פאראומווירדיקן מיט שפייז און נישט צו פארשוועכן דעם הייליקן בונד, און זיי זענען געשטארבן. און עס איז געווען א גרויסער און ביטערער צארן איבער כל ישראל.

י. י. שווארץ

## דאס דריידל

געווען צווישן אונדז גאָר פיינע מייסטערס
מיט גוטע הענט און שאַרפן בליק: געשניצט צוערשט
און אויסגעטאָקט דאָס פורעם פאַרן דריידל.
(ס'איז נישט גאָר אַזאַ לייכטע מלאכה, ווי איר מיינט.)
מ'נעמט פיר קלעצלעך האָלץ פון גלייכער מאָס,
וואָס מוזן אויסגעמאָסטן ווערן ביז צום האָר, —
זיי אויסגעשניצט און אויסגעטאָקט געהעריק
און אויסגעהוילט זיי, אַלע פיר, אין זעלבן פלאַץ
אינעם פאָרמאָט פון דעם באַגערטן דריידל;
מיט איינקריצן אין האָלץ פונאונטן און פונאויבן,
פאַר קעפל און פאַר פיסל; איינגעקאַרבט
מיט פיינעם סידור־כתב אין יעדן קלעצל
די גוטע אותיות די פיר: נ' ג' ה' ש —
וואָס מיינט: „נס גדול היה שם“. פאַר אונדז
האָט דאָס געמיינט נאָך עפּעס אַנדערש אויך:
נון — נישט, גימל — גאָר, הא — העלפט, שין — שלעכט,

(אַז וואויל צו דעם בעל־מזל וואָס געווינט,
חלילה נישט — טאָ נעם זיך ניט צום האַרצן,
דו האָסט פאַרלוירן, גוטער ברודער, זעסט דאָך,
טאָ מאַך נישט קיין מחזקות און קיין קונצן,
שטעל צו אין קאָן) דערנאָך צונויפגעשטעלט,
צונויפגעפּאַסט די קלעצלעך די באַזונדערע,
און זיי פאַרקרעמפּט מיט שטאַרקע דינע דראָטן.
געשמאָלצן ברוכוואַרג, שטיקלעך בליי און צין
און שפּעטער, ווען סגעשמעלץ ווערט אָפּגעקילט
אַריינצוגיסן אינעם העלדזיל פונעם פורעם.
קומט פון זיין נעסט אַרויס אַ ניי באַשאַף,
אַ חנעוודיקס, אַ בלישצנדיקס, אַ זילבערנס,
וואָס ווערט געטאָקט, געפּיילט, וואו נאָר אַ פּנימה,
די לעבעדיקע אותיות שאַרף אַרויסגעבראַכט
און ווען דאָס ווערט אַוועקגעלאָזט אין גאַנג
איבער דעם גלאַטן ברעט פון ברייטן טיש,
שפּאַצירט און דרייט זיך אויפן שלאַנקן פיסל,
צי גאָר עס חנדלט זיך און שטייט „שמונה־עשרה“ —
האָט דאָס אַ פּנים פון אַ זילבער־פייגל,
דערפרייט אַ מענטשנס אויג.

## שמואל ווהייט

# א קעלער שטוב

געווידמעט אונערע באליבטע פריינד די פאמילע קונסלער

אהיימליכע קעלער־שטוב,
ווי אַלעס ווערט אזוי ליב,
ליגט נחת אויסגעגאסן.

פריי פון טעגליכע זארגן,
באַהעלן יעדען מארגן —
ווערט מנוחה גענאסן.

שפילט זיך א זיסער שמייכעל,
אין גאטס געבענטשען היכל —
מיט שכינה באלויכטן.

געבענטש זאל זיין די קעלער־שטוב,
ווי אלעס איז אזוי ליב,
אין גאטס־סביבה באהאפטן.



## ה. פאצאנאווסקי

# איך זאג קדיש נאך מיין מאמע

ביי דיין „יציאת נשמה“ מאמע, בין איך נישט געווען,
אז איך זאל דיך, באוויינען, און באקלאָגן,
ביי דיין „קבר“ בין איך נישט געשטאנען,
אז איך זאל נאך דיר, „קדיש“ זאָגן.

קיין „קריעה“, האט מען מיר, נאך דיר נישט געשניט׳ן,
קיין „שבעה“, בין איך נאך דיר נישט געזעסן,
אבער אין הארצן, ביזט דו ביי מיר שטענדיק,
איך וועל דיך, קיינמאָל נישט פארגעסן.

ווו, קען איך דיך, פארגעסן, מאמע.
איך האב דאך דיין ברוסט געזויגן,
און וויפיל געזונט האט דיך געקאסט,
ביז דו האסט מיך דערצויגן.

צוואנציק יאר זענען מיר —
ביידע געווען ביינאנד,
צום איין און צוואנציקסטן יאָר,
מיט געוואַלד געמוזט נעמען דעם וואנדער שטעקן אין האנט.

איך געדענק נאך די קושן, וואס דו האסט מיר געגעבן,
ווען איך האב געזאָגט מאמע זיי געזונט,
מיט פארוויינטע אויגן געשעפטשעט האסטו מיט די ליפן,
„אַ בריוועלע דער מאמען, פארגעס נישט מיין קינד“.

און ווען איך האב, א בריוו פון דיר דערהאלטן,
יעדעס אות האב איך געקושט,
און פון גרויס פרייד,
אַ טרער, פון די אויגן אויסגעווישט.

און כאטש דער בריוו,
געווען געשריבן אויף פראסט פאפיר,
אזא ווו אַ „ספר תורה“ צו א פרומען ייד,
אזא איז דיין בריוו, געווען צו מיר,

און געקומען זענען רוצחים, גזלנים, אויסוורפן,
און האבן דיך אוועקגענומען,
נישט איך ווייס אַ קבר,
אָן אָרט, אפילו א סימן.

אוי מאמע, ווען איך וואלט־געקענט,
פאר דיר, נקמה נעמען,
אזא וואלטן, זיי שוין נישט מער
געטון אונץ אומשולדיקע יידן, אומברענגען.

אבער אלץ וואס איך קאן איצט טון,
איז צום „בורא העולם" פארגיסן אַ טרער,
גרויסער אלמעכטיקער גאט,
מיין תפלה הער.

„תחת כנפי השכינה",
מיין מאמעס „נשמה" זאלסטו נעמען,
ווייל איר „גוף" האבן, די רוצחים,
געטון אין די קרעמעטארום פארברענען.

און איך מאמע, וועל מיין גאנץ לעבן,
נאך דיר וויינען און קלאָגן,
אין איין טאָג אין יאר,
נאך דיר כאָטש קדיש זאגן.

## משה דאמב

## אויף חרובע וועגן (המשך)

פעסל האט א קורצע צייט געשוויגן און אין דערזעלבער צייט זיך תמעוואטע פארקוקט אויף די ווילד שמעקנדיקע וואלד גראזן, זי האט געווארט דורך די צייט, אז יחיאל זאל איר ענטפערן אויף אירע פראגן, זי האט אפגעאטעמט און גלייכצייטיק א הוסט געטון און מיט צעפרידנקייט א שמייכל געגעבן מיט די אויגן, ווי זי וואלט וועלן זאגן: אוי, סע איז גוט מיר דא יעצט... זי האט זיך שלענגלדיק א דריי געטון מיט איר שיינעם גוף און בליץ־שנעל א צי געטון איר קלייד, כדי צו פארדעקן איר בארוויסע פיס, וואס זענען געווען פארשטויבט פון זאמדיקן וואלד־וועג און צעגראטשט פון די שטעכיקע וואלד־דערנער. א בלאנדער לאק־האר איז איר אונגערנווייליק אראפגעפאלן איבערן ווייסן שיינעם שטערן און דער לאק האט אויסגעזען ווי א פראגע צייכן, דאס האט איר פנים צוגעגעבן מיידלערישן חן און רייץ, דווקא דערפאר, וואס יחיאל האט געזען און געוווסט אז פעסל פאזירט ניט, ווייסט אפילו ניט ווי רייצנד־שיין זי זעט אויס מיט דעם לאק איבערן שטערן, האט זי אים פיזיש אימפאנירט. באזונדער האט אים געפעלן איר פשטות און קינדישע האלטונג. אסך מאל האט ער ביי זיך געקלערט: הלוואי איז מלכה שאפירא אזוי צוגענגליך און נאטירליך...

יחיאל האט א פארזארגטער איבעררריסן די לאנגווײַלקע שטילקייט און איר געענטפערט, ווי סע וואלט אים ווער אינערליך געצווינגען צו רעדן: הער פעסעלע! איך האב אלעמען ליב אין שטעטל און אין דארף, אלע מיידלאך געפעלן



מיר, דינהען שעץ איך מיט דרך ארץ פאר איר בילדונג, מלכהען האב איך ליב ווי סע וואלט מיר ווער אפגעטון א כישוף... צו דינהען ציט עס מיך ניט אזוי ווי צו מלכהען... אבער זיי אלע האבן מיך ניט גערן, אפשר דערפאר, וואס סע פאסט זיי עפעס ניט וואס איך לערן און ליב זיך אין ביכער... כ׳בין דאך ניט ווי שמוליק ריינעס... פעסל האט אים שמייכלדיק איבעררריסן: אוי, יא, יא... מיין טאטעשי האט דאס זעלבע געזאגט, כא, כא,... דערביי האט זי געביסן א גרעזל און מיט פארוואונדערונג געקוקט אויף יחיאלן. ער האט א מאך געטון מיט די האנט און ווייטער גערעדט: כ׳בין פארט איטשעלס דעם גארבערס... אפשר גאר האבן זיי מיך פיינד, וואס כ׳שטיי העכער פון זיי אלעמען און דאס אנטשפרעכט ניט זייערע אינערליכע פארלאנגען און ווינטשן, וואס אין זייערע אויגן, דארף איך זיין א יונגטשינע, עפעס אן אַבאַל, מיט א פארפעצטן בגד וואס זאל שטינקן פון דזשעגעכן און יוכטענע פערדן־פעל. פראסטע און נידריקע מענשן, האבן ליב צו באשמוצן און צו ערנידריקן אזעלכע וואס שטייען העכער פון זיי, מע דארף א גרויסן כח זיי צו איבערבראכן און געווונען זייערע הערצער... א, זעסט, דאמאלט, פארמאכן זיי זייערע חיהאישע פיסקעס און קוקן מיט דרך ארץ... אוי, אוי,... יא, ,... מיין טאטעשי זאגט דאס זעלבע... דו ביסט איינמאל א קלוגער... האט אים פעסל איבעררריסן. ער האט איר געהייסן שווייגן: באזונדער, האט קנאה אינזיך די אייגנשאפט, וואס מאכט זיי שלעכט און אויסקלערן אלדאס בייז, כדי צו בארעכטיקן זייער שלעכטע מיינונג אויף אזא פארשוין וואס זיי האבן ניט גערן... פעסל האט תמימותדיק און שמייכלדיק אויף אים א קוק געטון און מיט דרך־ארץ אין איר קול, שטיל א זאג געגעבן: אויב אזוי חיל, וועט איר שוין קיינמאל ניט חתונה האבן! כא, כא,... יחיאל האט זיך ווי אינזיך פארשעמט און שארף א קוק געגעבן אויף פעסלען, ווי זיינע אויגן וואלטן וועלן איר גוט ארייננזאגן. זי האט דאס אינסטיקטיוו פארשטאנען און ווי מיט א ברוגז פנים האט זי געשוויגן און אראפגעלאזט די אויגן צום מעך. !

ער האט זיך פאר אַווײלע פארקלערט ווי ער וואלט פארגעסן וואס ער האט ווייטער צו זאגן, ער האט לייכט א שאקל געטון מיטן קאפ און איר געענטפערט: הערסט פעסעלע! מע האט געפרעגט א גריכישן פילאזאף דיאָגענעס, ווען זאל מע חתונה האבן? האט ער אזוי געענטפערט: ווען מע איז יונג איז צו פרי און אויף דער עלטער איז צו שפעט... יעצט טאקע בין איך נאך יונג, קלער איך ניט וועגן חתונה האבן, נו, ווען כ׳וועל עלטער ווערן, אפשר וועט זיין טאקע צו שפעט... פעסעל האט מיט גיריקייט אים איבעררריסן און מיט א פארהאקטן אטעם צו אים געזאגט: אבער חיל, דינה ריינעס חלשט דאך פאר אייך... אוי, זי איז אזא גוטע נשמה... כא, כא,... יחיאל האט צושאקלדיק מיטן קאפ צו איר רעדן באלד געענטפערט: זעסט דו פעסעלע, דו רעדסט ווי א קינד... ווי קען א מאן ליב האבן צוויי... אזעלכע וואס זענען אן הערצער, ליבן זיך אין אסך פרויען... באזונדער ליב האבן אסך מיידלאך איז ניט א חטא, אבער פארליבט זיין אין איין מיידל און די איינע ליבט ניט צוריק, א,

זעסט דו, דאמאלסט איז א אומגליק... האסט פארשטאנען ?... זי האט געציפט
דאס גראז און אומעטיק א זאג געטון : יא... זי האט געשוויגן מיט א מיידלי־
רישן חן און אראפגעלאזטע אויגען. פלוצלונג האט זי גראציעז פארבויגן דעם
קאפ און דערביי מיט איר רעכטע האנד א שאר געטון די האר פון פנים און
א קוק געטון אויף יחיאלן מיט רחמנות.

פון די וואלדישע ווייטקייט האט זיך געהערט א אומעטיק מעלאנכאלישער
וואלד־עכא : האללא... האללא... זיי האבן שווייגנדיק זיך צוגעהערט צום
עכא. אינזיך האט יחיאלן באונרואיגט דער וואלדישער גערויש, ווייל אים
האט זיך געדאכטן אז דינה מיט די חברה גייען שוין צוריק פון וואלד און זיי
וועלן אפשר פארבייגיין דאס ארט ווו ער מיט פעסלען זיצן. מלכה וואלט זיכער
ביי זיך געטראכט : מעשטיינסגעזאגט מיט וועמען ער זיצט דאס... ליבט אזא
איינעם... אבער די פארשיכורנדיקע וואלד לופט, פעסעלס רייצנדיקער גוף,
האט אים פון דער צווייטער זייט געמאכט שנעל פארגעסען אין אלעס, סע האט
אים ניט אינטערעסירט יעצט, דער קליין שטעטלדיקער פיליסטריש־באנאלער
יחוס קאמפלעקס, מיט וועמען סע פאסט צו רעדען און מיט וועמען ניט...

אינדער רגע רעדענדיק מיט פעסלען, האט אים ווי פארכישופט איר שיינ־
קייט, דערצו נאך האבן זיך ביי איר אונגערנווילי̇ק אויפגעקנעפלט די העקעלאך
ביים קלייד, סע האט געשיינט איר שניי־ווייסער ביוסט, אירע העל־בלאע אויגן
זענען געווען פארטרויערט ווי זי וואלט געטרוימט. די גאלדיק ווייצענע צעפ
מער צעווארפן, דאס קאראלן מויל אפן, מיט צעשמירטע יאגדעס זאפט אין די
ווינקלען און איבער די באַקן, דאמאלט האט ער שוין כמעט אינגאנצן געוואלט
פארגעסען אין מלכהען, מיט די אלע טאג־טעגליכע אינטריגעס, אפילו די בא־
ליידיקונג פון שיעלע גליק.

אינמיטן די אידילישע שטילקייט, האט פעסעלע זיך א ריס געטון האסטיק
פון איר ארט, צארט און קינדיש מער פארבויגן איר קני און מיט אירע ווייסע
קליינע הענטלאך מער פארהילט איר קלייד און מיט ביידע הענט האט זי איינ־
געשלאסן מיט די פינגער אירע קני איבערן קלייד. אזוי האט זי זיך געוויגט
אהין און צוריק, זי האט דאמאלט געזינגען אינזיך א ניגון אן ווערטער, גלייכ־
צייטיק האט זי צעשראקן געקוקט אויף יחיאלן, זי האט מיט ניט זיכערקייט
שנעל א זאג געגעבען : איר ווייסט חיל ?... יא, וואס האב איך דאס געוואלט
זאגן ?... אוי, יא... כא, כא,... כשעם זיך... כעל אפשר אנאנדערש מאל
זאגן... כא, כא,... הממם... פשש... באזונדער, אייך ליגט דאך נאר אינ־
זינען מלכה... אפשר גאר דינה... דווקא וואלט איך אייך דאס געוואלט
זאגן... יא, כ׳מוז זאגן... ניין, כ׳קען עפעס ניט... אירט אפשר זיין אין
כעס... סע פאסט דא עפעס ניט... סע ליגט מיר דא אינעווייניק... זי האט
אנגעוויזן מיט דער האנט ביים הארץ, אינדער זעלבער צייט זיך שנעל צוגע־
ריקט צו יחיאלס פיס, לייכט זיך אוועקגעלייגט אויף זיינע קני, זי האט פאר־
שלאסן אירע אויגן, שווער געאטעמט מיט אירע שיינע נאז־לעפעלאך און שטיל
געשעפטשעט : חיל!... כ׳האב אייך אזוי ליב... איר זענט א גוטער... אזא



קלוגער, קושט מיך... יא, טו מיט מיר וואס דו ווילסט... אוי, חיל, חיל...
ווען דו ווייסט חאטש ?... זי האט געציטערט און איר מויל איז געווען אפן,
איר פנים האט געפלאמט, מיט ביידע הענטלעך האט זי גענומען זיין האנט
און געצערטעלט א פינגער, פון צייט צו צייט צוגעצויגן זיין דלאניע צו איר
מויל און אזוי געמורמלט ווי פון א קאשמאר : קוש מער און לענגער, אוי,
חיל... זי איז כמעט געווען באוווסטלאז. יחיאלן האט דאס פארטשמעליעט און
גלייכצייטיק גערייצט ווען זי האט גענומען זיין האנד און געגלעט צערטליך איר
פולן סאמעטענעם ביוסט.

ס׳ערשטע מאל אין זיין לעבען האט ער איבערלעבט אזא מאמענט, הלוואי
קען ער ניט פעסעלען פון קינדווייז אן, א, דאמאלט וואלט שוין איינמאל געווען
גאר אנדערש... בליץ־שנעל האט ער זיך דערמאנט, ווי ער פירט פעסעלען פאר
דער האנט און ער לערנט איר גיין און זי וויינט און שרייט אויף איר קינדיש
לשון, בע, בי, בא, זי פאלט אויף אירע הענטלאך און קריכט אויף אלע פיער,
דאמאלט האט ער אזוי רחמונות געהאט אויף איר פונקט ווי יעצט אין וואלד
און אט דאס האט געצוימט אינאים די תאווה צו פעסלען, ער האט זיך שנעל
אויפגעשטעלט פון מעך און מיט שטילע טריט האט ער זיך פון איר אפגערוקט,
פון צייט צו צייט האט ער זיך פארזיכטיק אומגעקוקט צו איר, ביז ער איז פאר־
שוואונדען צווישן די וואלדישעביימער.

גייענדיק איבערן וועג וואס פירט צום טייך פון שעפסלס מיל, האט אים
כסדר גערוישט אין די אוירן, ערט זיך מער געפילט אומעטיק פארלאזט פון
אלעמען, סע האט אים געערגערט דאס וואס סע איז פארגעקומען צווישן אים
און פעסעלען, ער האט ביי זיך געטראכט : אן עבירה איז נאר דאמאלט רייצנד
און פיקאנט, ווען זי איז שיין און ווערט געטון בסוד סודות, ווען זי טראגט
אויף זיך דעם געהיימען שלייער פון צניעות... באזונדער האט אים זשענירט
דאס וואס פעסל האט אים ליב מער מיט איר מח, ווי מיט איר הארץ... ער האט
אפגעריסן עטליכע טונקל סאמעטענע ערב־פרילונג וואלד בלימעלעך, דער ריח
פון די בלימעלעך האט אין אים אויפגעפרישט די צייט ווען ער פלעגט דא אין
וואלד שפאצירן מיט דינהען אין פרילונגדיקע פסח־טעג, ער האט אזוי מקנאה
געווען יענע טעג, ווייל ער האט זיך גלייכצייטיק דערמאנט ווי דינה פרייט זיך
יעצט מיט די גאנצע חברה ערגעץ טיף אין וואלד אדער אויף איר טאטנס אפ־
געקאשיעטע לאנקעס און ער מוז זיך ארומשלעפען דא פאראיינזאמט, ער
וואלט אפשר צוריקגעגאנגען צו פעסלען, אבער ער האט זיך געשעמט פאר
זיך זעלבסט פאר א אונבאוווסטן עפעס, ער האט זיך געטראכט : וואס פארא
גוטינקע מיידל די פעסעלע איז, אוי, הלוואי וואלט מלכה געווען אזוי... אפשר
דערפאר וואס זי איז ניט אזוי, חלש איך אזוי נאך איר... אוי, גאט, וואספארא
מיאוס קאמפליצירט באשעפעניש דער מענטש איז ?... סע האט זיך געמישט אין
זיין מח א מיש־מאש, דא מלכה, און דארט פעסעלע... טיף אין זיין מארך האט
פערמענטירש און זיך געמישט מיטן בלוט א חרפה געפיל, דא האט ער אזוי
ליב מלכהען און דארט האט ער פארפירט אזא רוישענדיקן ליבע־אקט מיט

פעסלען... סע האט זיך אים געדאכטן, אז פעסעלע וועט אלעס דערציילן דינהען און דינה וועט אלעס דערציילן אדער שרייבן פון לאנדאן צו מלכהען, יונגע מיידלאך האבן בטבע ליב זיך צו בארימען און קענען ניט האלטן קיין סודות...

יחיאלן האט זיך געדאכטן אז ער הערט קוויטשערייען ביים טייך, פאר דאס האט ער זיך געסטארעט אין אלעם צו פארגעסן און שנעל צוגיין צום טייך זיך אויסבאדן, נאך אזא הייסן זוניקן טאג, מיט אזויפיל איבערלעבונגען, דא מיט שיעלע גליק, דא מיט פעסעלע דעם וואלד־שרייבערס. וועגן פעסעלען האט ער שוין מער ניט געטראכט, סע האט אים געצויגן צו מלכהען, זי האט אים יעצט נאך מער געלאקט, זי אדער דינה, האבן געהאט א טיף סודותדיקן כח אים צו אינספירירן צו רעדן אינטערעסאנט, דאס האט פארשטארקט זיין זעלבסטגעפיל, ער האט גוט געוווסט אז זיי פארשטייען אים. אבער פעסעלע? זי האט נאר געוווסט אז דינה חלשט פאר אים, אפשר האט דאס איר אימפאנירט, דינה איז פאר איר געווען א סינאנים פון יחוס, שיינקייט צוזאמען מיט געלערנטקייט און רייכקייט און איר טאטע איז ר׳ חיים ריינסעס א משרת... און ביי די ריינעסעס אין הויז עסט מע אין טאפלטע גאלדענע טעלער, סע לייכטן קאנטעלאברעס, דינה שפילט פיאנא אין איר שלאפ שטוב ביי אפענע פענסטער, אווו סע שמעקט אריין דער בליענדיקער טערקישער בעז, דינה פארט שטודירן אזש אין דעם ווייטן לאנדאן.

באזונדער האט ער זיך געסטארעט צו פארגעסן אין פעסעלען, ווייל ער האט וועגן איר געטראכט ווי אן אייביק קינד, חאטש זי איז שוין אלט געווען אכצן יאר, האט זי אים ווייניק אינטערעסירט, ער געדענקט זי ווען זי איז געווען א מיידעלע מיט וויאלעט־בלאע־וואסערדיק פארוויינטע אויגן און גאלדענע לאקעלאך, ער פלעגט זי פארשפילן מיט צאצקעס און געבען צוקערקעס, מערסטענס פלעגט ער זי לעצטנס טרעפן ביי זיי אינדערהיים, ווען זי פלעגט ברענגען איר טאטנס האזן־פעלערלאך כדי אויסצוגארבן ביי זיין טאטן, זי פלעגט ביי זיי אינדערהיים שפילן טארנישקע אדער אייבינצוואנציק אין די שנייאיקע ווינטער־נעכט ווען די שכנתדיקע מיידלאך פלעגן צו זיי אריינקומען, יא, דאמאלט איז געווען אן אנדערע צייט און אנדערע אומשטענדן, צייטן בייטן זיך.

א הייסגייענדיק האט פעסעלע כסדר געוויינט, זי האט ניט געקענט תופס זיין אווו יחיאל איז ערגעץ אהינגעקומען... זי האט זיך געטראכט: אפשר וועט זי אים טרעפן אין דארף, אויב זי וועט אים זען וועט זי פאר אים אנטלויפן, זי האט זיך ווי פאר עפעס געשעמט, אונגערנווייליק האט זיך געזאמעלט טיף אין איר א האס צו אים, זי האט געפילט א מיגל צו זיך און צו אים, חאטש זי האט גאנץ גוט געוווסט אז ס׳איז מער איר שולד ווי זיין שולד . . . פארדאס האט זי אים פארטיידיקט אינזיך און דווקא געוואלט אים ווייטער ליב האבן פון דערווייטנס און כסדר וועגן אים קלערן און פאנטאזירן . . . א נישט בלייבט דאך איר שוין קיינער ניט צו ליבן... א מאל האט זי אזוי ליב געהאט שמוליקן, אבער זייט שמוליק האט א מאל זיך געבייזערט אויף איר טאטן און איר טאטע האט אים גערופן, „די פוירים יונג. האט זי מיט ווייטאג אין הארצן אים



אויפגעהערט ליב צו האבן, אָן אַ־וועמען ליב צו האבן האט זי געזען א זשמודנע אומעטיקע ליידיקייט אין דעם שטילן שיינעם דארף צעלין. ספעציעל האט זיך געוועקט אין איר שטארק די ליבע אין די שטילע ווינטער טעג ווען די פעלדער זיינע ווייס־פאַרשנייט, און אין די יידישע שטובן האט מע אויסגעלאזט שמאלץ אויף פסח און געבראטן גענזענע לעבעלאך מיט ציבל און ביי שעפסל דעם מילנער האט די מיל אזוי מרהשחורדיק און פארבענקט געקלאפט טיקטאק. ביי בנימן פאכטער האבן זיך פארזאמלט אסך מיידלאך און מע האט געזינגען און זיך דערציילט מעשיות.

ווען פעסעלע האט נאר געעפנט די טיר פון איר הויז, האט זי זיך פלינק און שנעל צוגעשארט צו איר קליינטשיק מיידלעריש שלאף־שטיבל, זי איז גלייך אוועקגעפאלן אויף איר בעט און איינגראבנדיק איר פנים אין די טיפע פעדערנע פערינע, האט זי זיך שטארק צעוויינט, אירע האר זענען געווען צעווארפן, איר פנים ווי אויפגעשוואלן און צעפלאמט, אויסגעמישט מיט טרערן, פאר אירע אויגן האבן געפינקלט פארשיעדענרעליי שטערנדלאך, דורכן מח איז מיט א ריזיקע שנעלקייט געלאפן דאס בילד אין וואלד מיט יחיאלן. פלוצלונג האט זי אויפגעהערט צו שלאכצן, ווי איר וואלט זיך דאכטן אז זי האט דאס אלעס געחלומט . . .

אוי פהויבנדיק דעם קאפ פון דער פערינע, האט זי געהערט ווי מענטשן אינדערויסן לאכן און רעדן הויך, דאס זענען געווען יונגע דארפישע שיקסעס מיט זייערע יונגע שקצים, וואס האבן זיך געקליבן אויף א הוליאנקע אין דער דארפישער קרעטשמע אויפן חמעלניקער וועג. דאס האט נאך מער צערייצט פעסלס נערוועז, זי האט זיך צוריקגעלייגט אויף די פערינע און שטארק זיך צעוויינט העשענדיק, האט זי כמעט געביסן די אויבערפלאך פון די פערינע און ווי זענדיק עפעס פאר אירע אויגן האט זי געפרעגט: אוי,... גאט... פארוואס האסט דו מיך באשאפן אויף חרובע וועגן... פארוואס איז יעדן אזוי גוט... יעדער האט חברים און חברטעס און איך בין שטענדיק איינזאם?... יא, איך בין אליין... שלאכצנדיק איז זי אזוי פארשלאפן געווארן ביז פארטאגס. חלומנדיק ווי יחיאל זוכט מלכהען איבערן וואלד, מלכה דערזעט אים און זי אנטלויפט פאר אים מיט א געשריי, ווייל ער לויפט איר נאך און וויל זי דערהארגענען מיט א קנאכיקן סאסנע שטעקן, שיעלע גליק כאפט דעם שטעקן פון יחיאלס האנט און דערהארגעט יחיאלן אויפן ארט, א גאנצע נאכט האט זי גערעדט פון שלאף: א, זעסט חיל? א שיינע זאך אויף דיר... כא, כא, כא...

**צו דער וועלט־קאנפערענץ** פון יידיש זשורנאַליסטן אין ירושלים זיינען אויסגעווילט געוואָרן פון לאָנדאָנער „שרייבער און זשורנאַליסטן פעראיין“: יואל צאַנג, יוסף פרענקעל און א. מ. קייזער.

## א. נ. שטענצל

### צום בוך „ווייטשעפל‟

עס האָט מיך דיין נאָמען, ווייטשעפל, געצויגן,
און נאָך אַ צווייטער, דער נאָמען — שעקספּיר!
און ווען אַלצדינג געלאָזן הינטער מיר,
צום טויט שוין צו גיין מיט פאַרבונדענע אויגן,

אַ מעווע אין נעפּל כ׳בין דאָ אָנגעפלויגן.
שעקספּיר, דיין גרויסקייט האָט זי דען אַ שיעור?
אַזוי לאָנדאָן די שטאָט — — בלויז איך דערשפּיר:
אייגן, קוקן מיר אין האַרץ אַריין, צוויי אויגן,

און געלאָזן דיך הינטער מיר, שעקספּיר,
און דאָס גרויסע לאָנדאָן, און פאַר אַ טיר
פון ווייטשעפל אַ בעטלער כ׳בין שטיין געבליבן —

אַ שטעטל דערזען פון מיין „יידיש־לאַנד‟!
אויסגעשרעקט מיט דאַנק ווי ס׳ציטערט מיין האַנד,
ווייטשעפל, פאַר אַלץ וואָס כ׳האָב דאָ אָנגעשריבן.

19׳טער נאָוועמבער

### „לאנדאנער פאגע‟...

עס שפּיגלען זיך צעשוווּמען אין דער טעמזע שוין,
די שפּיצן פון וועסטמינסטער און פון ביג־בען;
דער פּאַרלאַמענט, וואַקלדיק, פאַלט שווער אויפן קאָפּ,
זע, די משקולת קוים האַלטן נאָך ער קען.

מיט אַ מין געברום צעשטורמען זיך די כוואַלעס,
אַז אָט־אָט און אַלע דריי פאַלן שיעור אום;
אין איר שווער־שוואַרצן שאַל הילט זיך די טעמזע איין,
צו דער וואַנט דעם שפּיגל זי דרייט שוין אַרום.

ווי שטיל. ביג־בען נישט די שעה, ס׳לעבן זאָגט ער אָפּ,
און דער וועסטמינסטער־גלאָק, נישט צו אַ חגא,
ווי צו אַ יציאת־נשמה איצט קלינגט ער — — —
אַ טרער בייסט שווער פון אויג אַרויס — די פאָגע.

### נאָוועמבער־טעג

נישט בלויז איבער די שויבן גאַנצע טעג,
דער רעגן רינט שוין פון מיינע אויגן אַראָפּ;
אַזש פאַרוואַסערט געוואָרן און מאָנטנע,
מיין קלאָרע טרער, מיין לעצטער געבליבענער טראָפּ.



נישט דרויסן פאַלט עס אָנאויפהער אַזוי —
פון מיין געפאַלענעם בליק אויסגעקרימט און שיף!
ווי מאָנאָטאָן רינט דאָס בלוט אין מיין האַרץ,
חלב־טראָפּן פאַרגליווערן טרייף, אין געטריף.

איין שטראַל בלויז פון דער זון, ווען עס גייט אויף!
איין וואַרעמער בליק פון אַן אויג, עס וואָלט געניגט — — —
באַלד וועט ער אויפגיין דער גרויער נעפּל
ווי שווער־פאַרגליווערט אויף די אַפּלען שוין ער ליגט.

### אן אלטער דעמב

(האַרבסט־באַלאַדע)

1

אַלץ פון לעבן ווייסט ער שוין און אַלץ פון טויט,
אַז איבער אַכציק, און ווייט שוין אַריבער;
ווי געוויינטלעך, געווינט דערווייל צום ערשטן,
בלויז דער צווייטער, וואָס נענטערער, ווערט ליבער.

אַז אַ וואָרט מיט וועם צוריידן נישטאָ מער
זיצט מען גאַנצע טעג פאַגליווערט אין שווייגן;
טאַקע, אַלע פריינט זיינע זיינען דאָרט שוין,
וווּ דאָס אָרט זיך באַזאָרגט, מען זאָל אים לייגן.

און פון וועמען טראַכט זיך, ווען אַליין מען זיצט,
אויב נישט פון יענע, וואָס ליגן שוין דאָרטן?
בלויז אַנומלט, ווי אַ פריינט, און נאָך מערער,
גאָר נאָענט ווער אים געוואָרן, דאָ, אין גאָרטן.

קיין נפש נישט, נישט אַ פייגעלע — דער ווינט
אויף אַ ליידיק צווייגעלע פייפט אומהיימלעך;
און יענער אַ פעסטער, אַ ברייט־צעשטעלטער,
שטייף־אָנגעכמאַרעט, פרעמד צווישן די ביימלעך.

צוערשט פון אויבן אַראָפּ, מיט אַ ווינק בלויז,
שפּעטער אַ קאָפּ־שאָקל, אַ שטיל־פאַרבייגן;
איצט ער הערט גאָרנישט אויף שוין, זיין מיט־שמועסער,
און ער — אייביק כאָטש צו האָרכן און שווייגן.

ער וואַרפט ווערטער, שווערע, טיף־פאַרוויקלטע,
מער צו זיך, ווי צו אים אָקייגנאיבער;
ווי שאַרף־שאָרסקע, ווי פערזשאַווערט־שאָרכנדיק
בלויז דאָס קול פון טאָג צו טאָג — נאָענטער און ליבער.

. . . אין איינעם אַ טאָג בייגט ער זיך אַריבער,
אַ סוד צו פאַרטרויען גאַנץ אויפן אויער —
ס׳ווייעט ווינד־וויאַנענדיק, וויוגע־וואָיענדיק,
זיין קאָפּ, אין ראָסע־הויך, שוידערט אויף גרויער.

נישט גלאַטע ווערטער קומען קאַלט פון אַ מויל,
און נישט אַ בבא־מעשה זיי דערציילן;
ס׳וואלט ווער פון אַ טאָפּ, אַן אלט־פאַרזשאַווערטן,
רענדלעך, באַהאַלטענע, שווער אַרויס ציילן:

„צוזאָם מיטן סוד מען וועט אים באַגראָבן,
און נישט לאַנג נאָך, נישט ווייט מער אים צו טראָגן“!
און ראַפּטום ווינד־געשווינד דרייט ער זיך גרינג אום,
און נעמט עפּעס אַנדערש׳ס צו אים גאָר זאָגן.

ווי קלוג־צעצויגן — ווי עס וואָלטן שאָרכן,
ווי אַ פאַרצערט האַרץ פון צרות זאָל ריידן:
„נישט פאַרשפּעטיקן מען וועט קיינמאָל דעם טויט,
כאָטש קיינער קאָן קיינמאָל אים נישט אויסמיידן —

„ברייט ברוסט׳קער דעמב טויט־ברויגז בלייבט פאַרשוויגן,
ווערט לעצט געבליבן בלאָט אים אָפּגעריסן“.
אַלץ פון לעבן ווייסט ער, און אַלץ שוין פון טויט,
אָבער וואָס קאָן העלפן אַ סך דאָס וויסן?

שאַ, ווי שטיל, וואָסער טיפער סוד מוז דאָס זיין,
נישט צו דערכאַפּן שוין מיט הוילן אויער — —
ער ווערט׳ן געוויער, מיט בליק פול טרויער,
ווען ער הויבט, שוידערדיק, זיין קאָפּ קאָפּויער.

* * *

ניין, קיינעם נישט אויספּלאַפּלען ער וועט דעם סוד,
זיכער ער קאָן זיין אין גרייז־גרויען אַלטן,
בלויז, ער ווייסט, אונטער בערגל ווייס אין ראָסע,
נאָך טיף־פאַרבאָרגענער סוד ליגט באַהאַלטן.

ברייט־פלייציק צעשטעלט, שטייט דער דעמב אין דער קעלט,
אַרום שוידערט אַלץ אין שטורעם־ווינט, קאַלטן,
ווי אין אַ מאַנטל, וואַרעם זיך וויקלדיק,
רונצלט ער פאַרטראַכט אונטער קאָרע־פאַלטן.



ש. י. דארפזאָן

## ביכער אויף מיין טיש

„פולער העברעאיש־יידישער ווערטער־בוך“ פון מ. צאנין, פארלאג „לעצטע נייעס“ תל־אביב.

אין משך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יארן, זענען דערשינען א צאל העברעאיש־יידישע און יידיש־העברעאישע ווערטער־ביכער, וועמענס מחברים־צווישן זיי — עוזר בלושטיין, און אנדערע האבן געמיינט, אז א דאנק זייער מכלומרשטער „פעדאגאגישער הילף“, וועלן די יידיש־רעדנדיקע מאסן זיך אויסלערנען לייענען און שרייבן א „פערפעקטן“ העברעאיש.

דער רוב מחברים פון די דאזיקע פארטאטשנע העברעאישע ווערטער־ביכער האבן, צו זייער חרפה, נישט געקאנט אנשרייבן קיין ריכטיקן יידישן זאץ, און ווי א צולאג צו זייער דילעטאנטיזם, האבן זיי זיך אויך באצויגן מיט ביטול צום יידישן לשון, וואס זיי האבן מוראדיק פארדייטשט און פארזשארגאָנעט. מהאי־טעמא איז זייער טירחה אויף דעם „פעדאגאגישן געביט“ במילא געווען א אומזיסטע. זיי האבן קיינעם נישט אויסגעלערנט לייענען־און נאכוויניקער שרייבן העברעאיש, און זייערע „לערן־ביכער“ האבן נישט געהאט קיין שום תיקון.

א גליקלעכער אויסנאם איז דער נייער, צוויי בענדיקער „מלון עברי יידי־שלם“ (פולער העברעאיש־יידישער ווערטער־בוך) פון מ. צאנין, וועלכער האט צו זיין גרויסער, — עס ווילט זיך זאגן — באמת גראנדיעזער ארבעט — זיך באצויגן מיט דער גרעסטער מאס פון אחריות און פיעטעט, און עס איז ארויסגעקומען א העכסט געלונגענער, שטארק נוצלעכער, העברעאיש־יידישער ווערטער־בוך, וואס איז ממש נישט אפצושאצן!

מ. צאנינס גרויסער, טויזנט זייטיקער ווערטער־בוך, איז א מין פעדאגאגישער און אקאדעמישער „אולפן“, וואס לערנט, ווייזט נאך און דערקלערט, אין א מחיהדיק יידיש לשון, דעם מקור פון איבער 45.000 (פינף און פערציק טויזנט!) העברעאישע ווערטער!

ווי א געניטער קענער פון יידיש און העברעאיש, פירט אונז דער מחבר איבער דער רייכער אימפעריע פון העברעאישן לשון און דערקלערט דעם יידישן תלמיד דעם שורש פון די באטרעפנדע ווערטער: פון וואנען עס איז זייער אפשטאם, פון תנ״ך, תלמוד, מדרש און פון אנדערע מקורות.

עס שאפט זיך דער איינדרוק, אז מ. צאנין האט יארן־לאַנג עוסק געווען אין דער דאזיקער, זייער קאמפליצירטער ארבעט,ביים זאמלען און צונויפשטעלן, אין א געהעריקן אלפאבעטישן סדר, דעם אוצר פון העברעאישן לשון, בעיקר די נייע, דורך דעם „ועד הלשון“, ביי דער העברעאישער שפראַך־אקאדעמיע, געשאפענע ווערטער, זינט די אנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

דער „פולער העברעאיש־יידישער ווערטער־בוך“ איז וויכטיק, נישט רק פאר די נייע, קיין מדינת ישראל אנגעקומענע יידיש־רעדנדיקע עולים, נאר ער איז נישט ווייניקער וויכטיק אויך פאר די „ותיקים“, ד.ה. פאר די אלט־

איינגעזעסענע, יידיש־לשונדיקע תושבים אין מדינת ישראל, שוין אפגערעדט פאר די יידן אין די תפוצות.

דער „מלון עברי יידי שלם" איז א זייער פראקטישער האנט־בוך, א מין קאמפאס, פון וועלכן מען לערנט אויס אן א שיעור נייע, אין טאג־טעגלעכן באדארף העברעאישע ווערטער און אויסדרוקן, טעכנישע, עקאנאמישע, מיליטערישע, וכדומה.

געוויינלעך, ווערן אזעלכע, אין גרויסן מאסשטאב ווערטער־ביכער, ווי עס איז בפירוש מ. צאנינס „פולער העברעאיש־יידישער" און יידיש־העברעאישער ווערטער־בוך, געשאפן נישט פון א יחיד, נאר פון א קאלעגיע אקאדעמיש אויסגעבילדעטע פילאלאגן, באהאוונטע אין די קאמפליצירטע לאבירינטן פון שפראך־פארשונג. איז בכן דער חידוש נאך גרעסער ווען מען נעמט אין באטראכט, אז די דאזיקע, ממש איבערמענטשלעכע ארבעט איז אויסגעפירט געווארן פון אן איינציקן מענטש, וואס האט זיין גאנצע פרייע צייט מקריב געווען פאר דעם צוועק.

מ. צאנין האט אין זיין ווערטער־בוך אויך איינגעפירט א נייעס, געבנדיק א זייער נוצלעכן לעקסיקאן פון ראשי־תבות; א קאלענדאר פון יארן לויט דער יידישער צייט־רעכנונג, פאראלעל צו די יארן פון דער אלגעמיינער צייט־רעכנונג. א רעגיסטער פון צאלן און אותיות פון אונזער אלף־בית; א קיצור פון דער העברעאישער גראמאטיק; מוסטער־טאבעלן צו בייגן צייט־ווערטער, איינגעשלאסן א צאל אראמעאישע ווערטער און אויסדרוקן, וואס האבן זיך ווי פארפליישט מיטן העברעאישן לשון.

פאראלעל, מיט דעם אוצר פון העברעאיש, האט מ. צאנין אויך באוויזן, ווי רייך עס איז דאס יידישע לשון, וואס פארמאגט די נייטיקע ווערטער, איבערצוגעבן אין די פארשידנסטע וואריאנטן, אלע אן אויסנאס, העברעאישע ווערטער.

דער פראכטיש ארויסגעגעבענער, אויף גוטן פאפיר און קלארן דרוק, „העברעאיש יידישער ווערטער־בוך", איז א צירונג אין יעדן יידישן הויז, בעיקר פאר די יידן אין די תפוצות, ווייל פון דעם דאזיקן „מלון עברי יידי שלם" קאן מען באמת זיך אויסלערנען, נישט בלויז א פליסיקן העברעאיש, נייערט אויך בעיקר — צו לייענען און שרייבן א קארעקטן יידיש.

מ. צאנין פארדינט אונזער אלעמענס העכסטן לויב און יישר־כוח פאר זיין פלייסיקער און מיפולער, אין יעדן פרט, העכסט געלונגענער, מיט שלמות אויסגעפירטער ארבעט.

## פון רעדאקציע

די רעצענזיעס וועגן די ביכער פון ש. איזבאַן און א. וואָלף־יאסני, וועלן דערשיינען אין דעם יאנואר־נומער „לשון און לעבן". אויך די קולטור־ידיעות.

די לעצטע לעקציע, אין סימינאר פון יאָר 1960 דעם 13׳טן דעצעמבער, פון דר. י. מייטליס איבער דער יידישער ליטעראַטור. איבער די לעקציע־סעריעס פון 1961, אין קומענדיקן יאַנואר נומער.





## דובנאוו׳ס
## „וועלט געשיכטע פון יידישן פאלק"
### קריטישע אפהאנדלונג

צוויי טעאריעס זענען געווארן ארויסגעזאגט אין די תלמודים וועגן דער סיבה פון יידישן גלות. לויט איינער — „ומפני חטאינו גלינו מארצינו" — איז דאס יידישע פאלק פארטריבן געווארן פון זיין לאנד ווייל עס האט געזינדיקט, און לויט א צווייטער — „לא הגלה הקב"ה את ישראל לבין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים" — איז דאס יידישע פאלק ניט פארטריבן געווארן פון זיין לאנד וועגן זינד, נאר דער אלמעכטיקער האט עס פארשפרייט צווישן די פעלקער כדי דאס יידישע פאלק זאל זיך פארמערן דורך דעם צופלוס פון גרים, פון גוים וואס וועלן זיך מגייר זיין. (פסחים פ"ז, מהרש"א.)

עס ווערט היסטאריש פעסטגעשטעלט אין די תלמודים אז די זינד, וועגן וועלכע דאס יידישע פאלק איז — לויט דער ערשטער טעאריע — פארטריבן געווארן פון זיין לאנד, זענען געווען סאציאלע עבירות, ניט ריטועלע. מען פרעגט אין די תלמודים — אין משך פון דער צייט וואס דער צווייטער בית המקדש איז געשטאנען האבן די יידן געלערנט תורה און אפגעהיטן אלע ריטועלע געזעצן, פארוואס איז געקומען אויף זיי דער חורבן? און מען ענטפערט — „מפני שאוהבין את הממון ושונאין אלו לאלו שנאת חנם": ווייל זיי האבן ליב געהאט געלט און פיינד געהאט איין סעקטע די אנדערע בחנם. (ירושלמי יומא פ"א ה"א, בבלי יומא ט׳ רש"י) וואס איז אויך לאגיש: זיי האבן גערויבט און געמארדעט כדי זיך איינצושאפן מער געלט און פיינד געהאט איין גרופע די צווייטע ווייל זי איז ניט גענוג פרום, האבן די פארברעכענס און די מחלוקת אפגעשוואכט זייער ווידערשטאנדסקראפט קעגן רוים. זענען זיי פארטריבן געווארן פון זייער לאנד ווייל זיי האבן פארלוירן די מלחמה וועגן זייערע סאציאלע עבירות. אבער די צווייטע טעאריע, אז דער אלמעכטיקער האט בכיוון פארשפרייט דאס יידישע פאלק צווישן די פעלקער כדי עס זאל גרעסער ווערן אין צאל דורך גרים פון די גוים, איז היסטאריש אן אבסורד, די יידישע מארטיראלאגיע אין די גלות לענדער זאגט עדות, אז דאס יידישע פאלק האט זיך ניט אליין ניט פארמערט אין קיין איינעם פון די גלות לענדער דורכן צופלוס פון גרים, נאר א גרויסער טייל פון יידישן פאלק איז אין דער צעשפרייטקייט פארשווינדן דורך שמד און אומקום.

פונדעסטוועגן האט דובנאוו אנגענומען די צווייטע טעאריע, אז דאס יידישע פאלק האט אויף זיך גענומען א מיסיע אויסצופירן צווישן די פעלקער אין דער צעשפרייטקייט, און ער באנוצט איר אלס היסטארישע קאנצעפציע פון דער יידישער געשיכטע, דובנאוו באהויפטעט, אז דאס יידישע פאלק איז צעזייט און צעשפרייט איבער דער וועלט „צו דינען אלס פאן פאר די פעלקער, אלס מוסטער פון גייסטיקער שטאנדהאפטיקייט׳!". (פארווארט „וועלט געשיכטע פון

יידישן פאלק" באנד 1, ז. 11) פארשטייט זיך ער איז ניט איינשטימיק מיט דער מיינונג פון די תלמודים, אז די השגחה, דער אלמעכטיקער האט פארשפרייט דאס יידישע פאלק צווישן די פעלקער, לויט אים איז דאס א היסטארישע געשעניש, ווייל דאס יידישע פאלק האט זיך ניט געוואלט אסימילירן איז אנטשטאנען א דראנג ביים יידישן פאלק צו לערנען די פעלקער פון דער וועלט אז קולטור איז דער יסוד פון א נאציע, די איינהייט פון לשון און מנהגים בינדט צונויף מענטשן אין א נאציע, ניט דאס וווינען צוזאמען אין א לאנד אדער א שטאאט.

דובנאווס אויספיר פון דער קאנצעפציע איז געווען, אז יעדע נאציאנאלע מינדערהייט אין א לאנד דארף באקומען קולטורעלע אויטאנאמיע, פאליטיש און עקאנאמיש זאלן אלע מענטשן פון א לאנד באטראכט ווערן אלס אנגעהעריקע צו איין פאלק, אבער קולטורעל זאל עס זיין א פעדעראציע פון נאציעס. דער לשון פון יעדע נאציאנאלע מינדערהייט זאל אנערקענט ווערן אלס אפיציעלע לאנדס־שפראך, די שולן זאלן ווערן פינאנסירט פון דער פעדעראלע רעגירונג און יעדע נאציע זאל האבן רעכט אויף זעלבסטפאר־וואלטונג. אויף דעם אויספיר פון דובנאוו האט זיך טאקי געשאפן די יידישע פאלקיסטישע באוועגונג אין די ערשטע העלפט פון איצטיקן יאר הונדערט, בעת דער רוסישער רעוואלוציע אין 1905־6 איז אנטשטאנען אין רוסלאנד די ערשטע יידישע פאלקס־פארטיי—יעווריעיסקא נאראדנאיא פארטיא — וואס די צארישע רעגירונג האט איר ניט געוואלט לעגאליזירן, ערשט נאך דער קערענסקי רעוואלוציע אין 1917 איז די פארטיי געווארן לעגאל אבער נאר פאר א קורצער צייט, ביז דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע. אין 1918, ווען פוילן איז געווארן זעלבסטשטענדיק, האט זיך אין ווארשע געגרינדעט א פאלקס־פארטיי, און אין 1926 האבן די אסט־יידן אין דייטשלאנד געשאפן א פאלקס־פארטיי. (יידישע ענציקלאפעדיע.)

געקומען איז ער — זאגט דובנאוו — צו דער קאנצעפציע פון דער יידישער געשיכטע, וועגן די ווייטער ציטירטע היסטארישע פאקטן

דער יידישער גלות וואס איז שוין שטארק אנטוויקעלט געווען אין דער צייט פון מלכות יהודה, די ישראלים פון מלכות ישראל זענען שוין דעמאלט געווען אין גלות, פארשפרייט אין די שטעדט פון מדי, האבן אומעטום געהאט זייערע אויטאנאמע קהילות. שפעטער האט זיך דאס אנטוויקעלט אין צענטראלע זעלבסטפארוואלטונגס־ארגאנען, און אייגענע געזעצגעבערישע און געריכטלעכע אינסטיטוציעס. סנהדרין, ישיבות און נשיאים אין דער רוימיש־ביזאנטישער פאלעסטינע, ראשי גולה, גאונים און געזעצגעבערישע אקאדעמיעס אין בבל, אליאווא און קאנגרעסן פון געמיינדע דעלעגאטן אין שפאניע, קהילות און וועדים, אדער קהילה סיימען אין פוילן און ליטע, און א סאך אנדערע. די נייעסטע יידיש־נאציאנאלע באוועגונג, וואס איז ארגאניש פארבינדן מיט דעם היסטארישן פראצעס, און האט פאראייניקט דעם אלטן געבאט פון אויטאנאמיזם מיטן היינטיקן פרינציפ פון „רעכט פאר נאציאנאלע מינדערהייטן „זאגט עדות



דערויף, אז מיר האבן דא צו טוען מיט אן אייביקער טרייב קראפט פון דער יידישער געשיכטע, וואס איז ניט פארשוואונדן אפילו אונטער דעם דרוק פון אסימילאציע אין משך פון יארהונדערטער, און אויך די גרויסע אומענדערונגען אין לעבן פון יידישן פאלק האבן ניט פארמינדערט דעם דראנג צו לעבן תמיד און אומעטום אן אויטאנאמען לעבן. אבער די אויבן ציטירטע היסטארישע פאקטן, וועלכע דובנאוו ברענגט אלס באווייז, פאר זיין קאנצעפציע, אז דאס יידישע פאלק האט אויף זיך גענומען א מיסיע צו זיין צעשפרייט צווישן די פעלקער כדי צו לערנען זיי די גליקזעליקייט פון קולטורעלע אויטאנאמיע, קאנען און ווערן אויך אנדערש אויסגעטייטשט. — אז דאס יידישע פאלק האט זיך איזאלירט פון זייערע שכנים אין די גלות לענדער און געפירט אן אויטאנאמישן קולטורעלן לעבן, כדי צו דערווארטן זיך אויף דער גאולה — אויף דער צייט ווען עס וועט ווידער האבן די מעגלעכקייט צו באזעצן זיך אין ארץ ישראל. דובנאוו האט דעריבער צוגעשניטן און צונויפגעהאפטן די געשעענישן פון דער יידישער געשיכטע זיי זאלן פאסן ווי א פערפעקטער מלבוש אויף זיין קאנצעפציע. יעדע היסטארישע פאסירונג האט ער סינטעטיש באארבעט, מיט א וויסנשאפטליכן פארגלייכונגס מעטאד האט ער אנגעוויזן אפקלאנגען פון ענלעכע געשעענישן ביי אנדערע פעלקער אין דערזעלבער צייט פעריאדע. למשל: ער האט אנגעהויבן זיין וועלט געשיכטע פון יידישן פאלק מיט א סך הכל פון די ארכעלאגישע אויסגרובנגען, וואס זענען אין די לעצטע הונדערט יאר געמאכט געווארן, און פון זיי ווייזט זיך ארויס אז אין יענער צייט ווען אברהם דער העברעער האט געוואנדערט פון זיין געבורט־לאנד נאך חרן און כנען, האבן אויך אנדערע סעמיטישע שבטים עמיגרירט פון זייערע אלטע וווינערטער, און אזוי ברענגט ער ארכעלאגישע עדות פאר אנדערע געשעענישן פארצייכענט אין תנ"ך.

דער סינטעטישער אדער פארגלייכענדיקער מעטאד פון ארכעלאגישע מקורות, וואס דובנאוו באנוצט. איז א זיכערער און דערפון ווייזט זיך טאקי ארויס די היסטארישע אמתן פון א סך תנ"כשע דערציילונגען. די מעשה איז אבער וואס דובנאוו האט אנגענומען די טעזע פון די קריסטלעכע ביבעל קריטיקער אז די יידישע קולטור איז אן עוואלוציאניסטישע אנטוויקלונג. זיי האבן געוואלט דערהייבן דעם נוצרי מיט דער טעזע אלס איר העכסט דערגרייכטע מדרגה און דובנאוו האט אנגענומען די טעזע פון עוואלוציאניסטישע אנטוויקלונג, כדי צו האבן א באווייז אז קולטורעלע אויטאנאמיע איז די העכסטע מדרגה אין דער יידישער געשיכטע, ווי ער פירט אויס אין זיין פארווארט צו דער וועלט געשיכטע פון יידישן פאלק, וואס איז שוין פריער ציטירט געווארן. אין אמתן האט זיך ניט קיין איינציקע קולטור אנטוויקעלט עוואלוציאניסטיש, און די וואס זאגן אז יא זען ניט, דאס וועט זיין ווי פרעטענדירן אז קארל מארקס איז ניט געווען דער טעארעטיקער פון קאמוניזם, נאר די קאמוניסטן האבן די טעאריע אנטוויקעלט פון א פרימיטיווע פארמולע.

אננעמענדיק דעם עוואלוציאניסטישן אנטוויקלונגס פראצעס פאר די יידי־

שע קולטור האט ניט משה — לויט דובנאוו — ארייגגעבראכט דעם מאנאטעאיזם אין יידישן וועלט באנעם, נאר צו דעם געדאנק זענען ערשט די נביאים עמוס, הושע, ישעיה און מיכה געקומען. דובנאוו שרייבט: „צוויי גרונט־אידעען כאראקטעריזירן די נייע ריכטונג אין פראפעטיזם, 1) די אוניווערסאלע פארשטעלונג וועגן גאט און 2) דער עטישער מאנאטעאיזם. אין עמוסעס רעדעס — זאגט ער — מערקט זיך צום ערשטן מאל דער איבערגאנג פון יהוה — דעם שטאם גאט אדער נאציאנאלן גאט, צו יהוה — דעם אוניווערסאלן, און דובנאוו באווייזט דאס מיט א פסוק פון עמוס. עמוס האט געשטראפט דעם מלכות ישראל — „זייט איר דען ניט פאר מיר גלייך ווי די קינדער פון כושים, זאגט גאט, האב איך דען ניט ארויסגעפירט ישראל פון לאנד מצרים? די פלישתים פון כפתור און ארם פון קיר? (עמוס ט׳) דאס הייסט אז דער זעלבער גאט, וועלכער האט אפגעגעבן דעם נאמאדן פאלק ישראל דאס לאנד כנען האט געגעבן די אויסוואנדערער פון די יאנישע אינזלען, די פלישתים, א טעריטאריע אין פאלעסטינע און צו די אראמעער האט ער געגעבן סיריע, יהוה איז דעריבער ניט נאר דער גאט פון ישראל, נאר דער גאט פון אלע פעלקער. (באנד 1, ז. 213.)

דובנאוו האט די טעאריע וועגן מאנאטעאיזם איבערגענומען פון די ביבעל קריטיקער ווייל דאס איז איינע פון די באווייזן אז די יידישע קולטור האט זיך בהדרגה אנטוויקעלט, הגם די ביבעל פארשער האבן אנגעוויזן די פאלשקייט פון דער טעאריע. פראפעסאר האממעל שרייבט: „וואס מער ליימענע און שטיינערנע טאוולען מען גראבט אויס פון די אלטע חורבות, אלס קלארער זעט מען אז די העברעאישע שטאמען האבן שוין געהאט א קלארע מאנאטעאיסטישע קאנצעפציע אין גראען אלטערטום, ווען קיין אנדער פאלק פון די דעמאלטיקע פעלקער, די סומעריער אדער אריער, האבן איר ניט געהאט. דאס זעלבע איז אויך וועגן זיטליכן און יורידישן טייל פון תורת משה... און ער ענדיקט — די ביבעל קריטיקער ווייסן פון די היסטארישע פאקטן, אבער זיי פארמאכן די אויגן ניט צו זען זיי וועגן זייער איינזייטיקייט און פרעסטיזש. (פ. האממעל „די אלטע העברעאישע טראדיציע" ז. 292) און דובנאוו האט אויף די איינזייטיקע פון וועגן פרעסטיזש אויפגעהאלטענע טעאריע באזירט זיין קאנצעפציע אז דאס יידישע פאלק האט אויף זיך גענומען א מיסיע צו לערנען די פעלקער פון דער וועלט, מיט דער הילף פון זיין אייגנער צעשפרייטקייט, אז קולטורעלע איזאלאציע פון נאציעס וועט ברענגען שלום אויף דער וועלט.

אמת דער באחרית הימים פון דעם נביא מיכה איז טאקי געווען „וכתתו חרבתיהם לאתים: זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אקעראייזנס און זייערע שפיזן אויף צווייגמעסערס, א פאלק קעגן פאלק וועט ניט הייבן א שווערד און מען וועט ניט מער לערנען מלחמה האלטן... ווייל יעדער איינער פון די פעלקער וועט גיין זיין וועג אין נאמען פון זיין גאט און מיר יידן וועלן גיין אין נאמען פון יהוה אונזער גאט אויף אייביק און שטענדיק". (מיכה ד׳) דאס הייסט: די קאנצעפציע פון די נביאים איז אויך געווען, אז דורך דעם וואס יעדע נאציע, וועט זיך אויסלעבן אין איר אייגנער קולטור, וועלן אויפהערן



די קאנפליקטן צווישן די פעלקער און עס וועט זיין שלום אויף דער וועלט. אבער די נביאים האבן ניט געזאגט אז מיר יידן דארפן דערפאר אויפגעבן אונזער לאנד, אז די אידילישע צייט קאן ניט דערגרייכט ווערן סאידן מיר יידן וועלן זיין צעשפרייט צווישן די פעלקער, ווי דובנאוו פרעטענדירט. אומגעקערט, די נביאים האבן דערקלערט, אז דער ערשטער באדינג צו קומען דערצו איז — אז מיר יידן זאלן זיין אין אונזער לאנד. „כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים", האט דער נביא מיכה אין זעלבן קאפיטעל פריער געזאגט — דורך דעם וואס מיר יידן וועלן אין אונזער לאנד געבן צו די נאציאנאלע מינדערהייטן קולטורעלע אוטאנאמיע און די פעלקער פון דער וועלט וועלן זען אז דאס ברענגט שלום און ווילשטאנד אין לאנד, וועלן זיי קומען קיין ציון און אויפגיין נאך ירושלים צו לערנען דעם אופן פון געזעלשאפטלעכער צוזאמענלעבונג.

דובנאוו ווארפט אפ די טעאלאגישע אדער סכאלאסטישע אויסטייטשונג פון דער יידישער געשיכטע, און זעט ניט אז זיין קאנצעפציע באזירט זיך אויף ניט ריכטיק פארוועטן די היסטארישע געשעענישן. ער שרייבט: „די אלטע היסטאריאגראפיע האט זיך האפענונגסלאז פארפלאנטערט אין דער פראגע וועגן די פרושים און צדוקים, וואס זייערע קעגנזייטיקע באציאונגען האבן געשפילט אזא ראלע אין פאלקס־לעבן אין דער צייט פון די חשמונאים און אין דער רוימישער תקופה. זי האט פארוואנדעלט אין א קאמף פון „סעקטעס" דעם גרעסטן נאציאנאלן שטרייט, א שטרייט וועגן עצם טיפ פון דער נאציע, וועגן דעם — צי זאל דאס יידנטום זיין א וועלטלעכע אדער גייסטיקע נאציע, א דורכשניטליכער אדער אייגנארטיקער מיטגליד פון דער אינטערנאציאנאלער משפחה. דער שטרייט פון דיביידע פארטייען האט אויך געהאט א סאציאלן הינטערגרונט; דא האבן געקעמפט צווישן זיך די צדוקישע אריסטאקראטיע, וואס האט זיך געקלאמערט אין דער מלוכה מאכט און די פרושימדיקע דעמאקראטיע, וואס האט טייער געהאלטן איר גייסטיקע מאכט איבער די פאלקס מאסן. אזא סאציאלאגישער קוק אויף דער אנטשטייאונג און טעטיקייט פון די צוויי פארטייען — פליסט ארויס פון אלע צוזאמענשטויסן פון די פרושים און צדוקים אויף דער פאליטישער און געזעלשאפטלעכער ארענע, פון זייער גאנצער טעטיקייט, אנהויבענדיק פון דער חשמונאים תקופה ביזן חורבן. די רעליגיעזע און ריטועלע חילוקי דעות זענען בלויז געווען א צוגאב צום עיקרדיקן נאציאנאלן און סאציאלן שטרייט צווישן די פארטייען: זייער קעגנזעצלעכע באציאונג צו „תורה שבעל פה" האט זיך גענומען פון דער וויכטיקער מיינונגספארשידענהייט וועגן דעם, צי עס איז צוועקמעסיק קולטורעל זיך אפצוזימען און לעבן אפגעזונדערט פון דער ארומיקער גריכיש־רוימישער וועלט. (פארווארט באנד 1, ז. 16.)

דער היסטארישער אמת איז, אז מען ווייס ניט צו די אנהענגער פון די צדוקים זענען געווען מער געניגט צו אסימילאציע מיט דער גריכיש־רוימישער וועלט, ווי די אנהענגער פון ביתוסים און פרושים. אבער עס געפינען זיך פאר־

ציכענט צוויי פאסירונגען, פון וועלכע עס איז קלאר צו זען אז די אנהענגער פון די ביתוסים און פרושים האבן זיך ענדער אסימילירט ווי די אנהענגער פון די צדוקים. (איין געשעעניש האב איך שוין דערמאנט אין מיין לעצטן ארטיקעל אין „לשון און לעבן״) — ווען דער אלטער קארופטירטער כהן גדול אליקים, וואס האט געהערט צו די פרושים, איז מיטן יונישן גענעראל באקכידאס און א גרויסע יונישע ארמיי אנגעקומען קיין ארץ ישראל האבן די סופרים און חסידים, די בשותפותדיקע מנהיגים פון יידישן רעליגיעזן לעבן אין יענער צייט, פארראטן יהודה המכבי און געשלאסן מיט די יונים א שלום, ווייל — עס איז זיי ליבער געווען אז די יונים זאלן זיין אין בית המקדש ווי די חשמונאים וואס האבן פארכאפט די כהונה גדולה פון אליקים׳ס כהנים משפחה. (חשמונאים א. ז. י״ב און קידושין ס״ו) און די צווייטע פארציכענונג געפינט זיך אין יוסיפון־פלאוויוס ער דערציילט, אז די צדוקים האבן זיך פאראייניגט מיט דער פרושים פארטיי פון יהודה הגלילי כדי צו באקעמפן דעם רוימישן איינפלוס אויפן יידישן פאלק און ארויסצוטרייבן די רוימער פון לאנד. („דער אלטערטום פון די יידן בוך 18, קאפ. 1, פאר. 1.)

פון דער לעצטער ציטירונג איז אויך קלאר צו זען, אז דער קאמף צווישן די פאראייניקטע צדוקים־פרושים פארטיי קעגן די פאראייניקטע ביתוסים־פרושים פארטיי איז ניט געווען, ווי דובנאוו פרעטענדירט א שטרייט צווישן א מאטעריאליסטישן און א גייסטיקן פראגראם. די פאראייניקטע צדוקים־פרושים פארטיי האט ניט ווייניקער ליב געהאט און געהאלטן טייער די יידישע קולטור, ווי די פאראייניקטע ביתוסים־פרושים פארטיי, דער אונטערשיד צווישן זיי איז געווען, וואס די צדוקי־פרושישע פארטיי האט געוואלט זיך אויסלעבן קולטורעל אין זייער לאנד, און די ביתוסיש־פרושישע פארטיי האט זיך געוואלט אויסלעבן קולטורעל צווישן די פעלקער פון דער וועלט, טאקי אזוי ווי די קאנצעפציע פון דובנאוו איז. די רעליגיעזע און ריטועלע חילוקי דעות זענען טאקי געווען א צוגאב, ווי דובנאוו זאגט, אבער זיי האבן געהאט א שטארקערן איינפלוס אויף די פאלקס מאסע ווי די סאציאלע און נאציאנאלע פראבלעמען, ווייל עס איז דעמאלט געווען ווי היינט, אז מען האט אפילו א סקעפטישן ייד געזאגט — אזוי שטייט אין דער תורה איז ער צופרידן געווען, דעריבער זענען די רעלי־גיעזע און ריטועלע חילוקי דעות ניט אוועק צו מאכן מיט דער האנט.

המשך־קייגנאיבער אויפן שער־בלאַט

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס
(אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט — 3 אַזייגער)

שבת, דעם 17׳טן דעצעמבער — סעם לעוו: „דער שאַך־מייסטער דר. עמינואל לאַסקער.

שבת, דעם 24׳סטן — י. ריכטיגער: „דער חשמונאים־געראַנגל״.

שבת, דעם 31׳טן — 124׳סטער געבוירן יאָר פון מענדעלע מוכר ספרים.



דיזעלבע היסטאריש ניט ריכטיקע פארווערטונג מאכט דובנאוו פון דעם „תן לי יבנה וחכמיה״, (גיטין נ״ו) אפווארפענדיק אנדערע אויסטייטשונגען זאגט דובנאוו, וואס איז אויך היסטאריש אמת, אז אין יבנה איז געשאפן געווארן א פארוואלטונג באזירט אויף דער דיסציפלין פון געזעץ. די ישיבה צו לערנען די תורה איז דא געווען פאראייניקט מיט א געזעצגעבערישער אינסטיטוציע, מיטן סנהדרין, וועלכער האט נאכן חורבן באדארפט צוזאמענשמידן די צעפאלענע טיילן פונם פאלק מיטן צעמענט פון גלייכע אלגעמיינע געזעצן, וואס זאלן רע־גולירן דאס גאנצע אינערלעכע לעבן אויף אויטאנאמע יסודות. פון דאנען איז ארויס דער לאזונג צו רעארגאניזירן די צעשלאגענע נאציאנאלע ארמיי, צו שאפן א נייע געזעלשאפטלעכע דיסציפלין אויפן ארט פון דער מלוכהשער.

פאקטיש איז יבנה געווען דער אין ברירה פון יידישן פאלק, דער גרעסטער טייל פון די נאציאנאלע יידן זענען געפאלן אין דער מלחמה קעגן דער רוי־מישער העגעמאניע, עס איז דעריבער ניט געווען קיין אנדערער אויסוועג צו דערהאלטן דאס יידישע פאלק איבערצוקומען די פינסטערע צייט, ווי זיך צו איזאלירן מיט געזעצן כדי צו פארהיטן דעם שארית הפליטה פון אסימי־לאציע, ביז זיי וועלן ווידער האבן די מעגלעכקייט אויפצובויען א נייע מלוכה אין זייער היימלאנד, וואס די אלע תפילות דעמאלט פארפאסט זאגן עדות דערויף. אבער דובנאוו האט אנדערש צוגעשניטן און צונויפגעהאפטן די גע־שעעניש, לויט אים איז די מלוכה געווען די שאלעכץ פון דער יידישער נאציע, און די נאציע קאן עקזיסטירן אנע די שאלעכץ, די נאציע קאן איינהיטן איר אויטאנאמיע קעגן דער העטעראנאמיע פון דער ארומיקער סביבה, זי קאן זיך תמיד און אומעטום אויסלעבן אין איר אייגנער קולטור און דינען אלס פאן פאר פעלקער, אלס מוסטער פון גייסטיקער שטאנדהאפטיקייט. האט, לויט אים, דאס יידישע פאלק אויף זיך גענומען צו זיין פארשפרייט צווישן די פעלקער פון דער וועלט כדי צו ווייזן זיי אז דער וועג צו שלום איז קולטורעלע אויטאנאמיע פאר יעדע נאציאנאלע מינדערהייט, . . . אזוי ווי אלע בעלי חלומות פאר אים האט דובנאוו געחלומט א שיינעם חלום זענען געקומען די נאציס און האבן אים אין מיטן חלומען אויפגעוועקט פון שלאף . . . ער איז איינער פון די זעקס מיליאן יידישע לעבענס וואס זיי האבן פארשניטן . . .

## פון א בריוו געשריבן צו מנשה ווייסגראז

„געב איבער מיין טיעפסטן דאנק אייער חשובן מיטארבייטער פון זשור־נאל „ל.א.ל.״ ר׳ יעקב ריכטיגער, פאר זיין אלזייטיקן עסיי „די צוויי טעג ראש השנה״. א סאך מאל האב איך געטראכט וועגן דעם ענין־צוויי טעג ראש השנה — כ׳האב שוין גערעדט מיט למדנים וועגן דעם, אבער פון דעם עסיי איז מיר ערשט קלאר געווארן די זאך אין גאנצען. „חכמה מאירת עינים״ יעצט בלייבט מיר ערשט נאכצוקוקן די אלע ציטאטן, ווען איך וועל האבן צייט. איך וואונדער מיך נאר ווי אזוי ער האט דאס צוזאמען געקליבן די אלע שטעלן, אין אויפגעש־טעלט אזא קלארן בנין.

איך ווינטש אים געזונד אין אריכות ימים״.

איטשל גערשאנאוויטץ

## לאטקעס-אויסגעטיילט פון שמואל וואהייט

### י. ל. פיין

א טעלער „פיינע לאטקעס,
פארן אינטערעס אין מיין שאפן
זאלט איר פון זיי געניסן.
ס׳איז א נחת צו וויסן,
אז איר האט מיך אינזינען ;
דערפאר איישר־כוח אייך א גרויסן.
וועל איך מיך באמיען נישט צו
ענטווישן,
איר זאלט דעם גייסטיקן ניצוץ
אין מיין שאפן געפינען . . .

### ל. ש. קרעדיטאר

לאטקעס מיט זאלץ און פעפער,
מיט גריוון גאר בגידיש ;
דערפאר זאל ער אין זיין פרשה
נישט מישן ענגליש מיט יידיש . . .

### י. ליסקי

א טעלער הייסע לאטקעס
געפרעגלט מיט שוואמען,
און פאר זיינע פאעמעס
א פאק פליסיקע גראמען . . .

### שלמה אוירבאך

לאטקעס צארט־מנוחהדיקע,
וואס זאלן שטילן
זיינע ברויזנדע געפילן ;
אפשר וועט א שמייכל
אויף זיין פנים זיך צעשפילן —

### מאקס הערשמאן

א טעלער הייסע לאטקעס,
ער זאל נישט אנטשלאפן ווערן,
נוצן זיין גייסטיקע פעדער,
ווייל מ׳וויל פון אים אסך נאך הערן ;

### א. נ. שטענצל

לאטקעס, ווי ס׳פאסט פאר א גביר :
שלמה אויערבאך, ווי איך הער,
האלט אים פאר א גאנצן מיליאנער.

### טעם גאלדבערג
### און אלין ווינאגראד

לאטקעס א גרויסע שיסל,
מיט פעפער און זאלץ אביסל,
אויך א שאק גוטע וויצן,
זיי מיט הומאר פארנוצן
אויף גאר א קינסטלערישן שטייגער,
דער עולם זאל נישט וועלן אוועקגיין
כאטש ביז איינס דעם זייגער . . .

### משה דאמב

א טעלער געפרעגלטע לאטקעס
פון דינה ריינעס מלאכה,
באפעפערט מיט מלכה שאפירעס ברכה,
געקנעטן מיט פיערזשניץ און צעלינס
רכילותדיקע פליאטקעס.
אפשר וועלן זיי געפעלן . . .

### שמואל וואהייט

לאטקעס געמאכט מיט מים אחרונים,
אן פעפער, אן זאלץ, אן שמאלץ.
דערפאר א גרויסע פארציע כריין,
פאר זיינע „וואסערדיקע“ לאטקעס
וואס זאל אין נאז אים פארגיין ;

### פאמאכעט דעם כעלעמער פאעט

א פארציע געפרעגלטע לאטקעס,
זיסע מיט ראזשינקעס און פייגן ;
א מתנה פאר זיין וויסן
ווען צו רעדן און ווען צו שווייגן . . .

222

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


נומער 1 (העפט 351) צוויי און צוואנציקסטער יאר יאנואר 1961 לאנדאן


רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :


לייטארטיקל 1961 ........ ** 1
ניי־יאר 1961 (אימפרעסיעס) ........ אליהו פאלושאק 5
א גרויסער מאלער איז געשטארבן (נעקרעלאג־עסיי) ........ יהודה ביעטש 6
פון בוך „וויטשעפל שטעטל דבריטן“ (לידער און סאנעטן)........א. נ. שטענצל 9
פון היץ (דערציילונג) ........ אלבערטא מאראוויא 14
א בריוו צו דער רעדאקציע ........ ל. ש. קרעדיטאר 19
יידישע פילאזאפיע און טראדיציע (דער קולטור־גראנגל פון די חכמי התלמוד ........ י. ריכטיגער 20
ביכער אויף מיין טיש (רעצענזיעס) ........ ש. י. דארפזאן 27
הרב ר׳ יהושע שפעטמאן שליט״א (ליד) ........ שמואל וואהייט 31
קראנק (ליד) ........ ד. ה. לארענס 32
לאנדאנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס ........ 32


**פרייז 2 שילינג**

**אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר**

**אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר**


**אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—**

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,

Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*